פינפצעטן יאהרגאנג
№ 43

Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
Św. Anny 19

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
פרעסע אלעע 6 – טעלעפאן 201.

Piątek 23 października 1936 | 4.13 ליכט-צינדען | פרייטאג פ׳ לך לך ז׳ דר״ח מרחשון תרצ״ז

קויהלען ווינטער-סעזאן. צום ווינטער-סעזאן פערזעהט אייך נאר מיט די בעסטע קויהלען
פון דער אויסגעצייכנעטער מארקע „קאזשימיעזש" וועלכע איז אויסשליסליך צו בעקומען ביי מיר. אויך בעקומט מען ביי מיר שטענדיג אויף לאגער: **בריקעטען, מיאל, קאקס**
צו טריקענען צו קאנקורענץ-פרייזען.
א ספעציעל-גוטע דראבנע קויהל צו 3 זל אקערץ
קומט און איבערצייגט אייך. צו יעדער צייט אבצושיקען
לייב יאקובאוויטש, באַרבארא 4.

W imieniu Kibucu „Grosmanja" w Rakowie dziękujemy uprzejmie
Dyr. Kina „Luna"
za dotychczasowe udzielenie bezpłatnego wstępu do kina
z pozdrowieniem Państwa Żydowskiego
Plugat Alija Kibucu „Grosmanja"
w Częstochowie.

Podziękowanie

Panu Doktorowi **Lipińskiemu** i Panu Felczerowi **Moszkowiczowi** za troskliwą opiekę podczas choroby w domu synka naszego nasze serdeczne podziękowanie.

A. B Obermanowie.

אגענטען (אַגענטקעס)
וואס זענען בעקאנט מיט דער גאורדינען-בראנזשע
ווערען געזוכט
גארדינען אויסארבייטונג גאריבאלדיגא 16.

Dr. D. Blumenfeld

choroby wewnętrzne
Częstochowa,
B. Joselewicza 15. Tel. 12-29
przyjmuje od 9-30—10-30 i 16—19.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedyńczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.
יערען **שבת** א פראקטישע לעקציע פאר יודישער געזעלשאפט. אנהייב 8 אווענד. ערשטקלאסיגע מוזיק.

דעם ה׳ **וואלף אָוויעטשקאָ** און פאמיליע
צוליעב׳ן טויט פון זייער הייס-געליעבטער מוטער
מארגולא נ״ע
דריק איך אויס מיין איניגסטען מיטגעפיהל
זאלען זיי זיין געטרייסט.
מאיר טאַביאש.

אונזער ג׳ פרעזעס ה׳ **יעקב הארואוויטש**
צוליעב׳ן טויט פון זיין מוטער **פעריל** נ״ע
דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
די פערוואלטונג פון יודישען קליינהענדלער-פעראיין אין ווירושאוו.

צענטראלער יודישער האנדווערקער-פערבאנד, ארטיגע אבטיילונג.

שבת, דעם 24 ד.ח. 7-30 אווענד צו די שלושים פון אונזער חבר

אברהם דזיאלאָווסקי

קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, אלעע 12

א טרויער = אקאדעמיע

אלע חברים האנדווערקער ווערען איינגעלאדען צו נעמען אנטייל.

WORLD-RADIO

Świat w domu...



Nasz program w bieżącym sezonie obejmuje:

Odbiorniki 3-lampowe jednoobwodowe
Odbiorniki 3-pentodowe dwuobwodowe
Odbiorniki 4-lampowe trójobwodowe
Superheterodyny 3 lampowe 7-mio obwodowe
Superheterodyny 4-lampowe 7-mio obwodowe i in.

W naszym bogato wyposażonym salonie demonstracyjnym znajdzie każdy odbiornik dla siebie.

MODELE 1937 — WARUNKI DOGODNE

Biuro sprzedaży
Aleja 24, tel. 25-75.

WORLD-RADIO
Spółka Komandytowa

LEKARZ - DENTYSTA

D. GLIKSON

Wieluń,
NARUTOWICZA № 6.
Ceny zniżone.

B. asystent Kliniki Ocznej w Pradze Czeskiej
Dr. med.
M. LIBROWICZ
choroby i chirurgja oczu
Aleja Kościuszki 14
Telefon 12-26.
Przyjmuje od 9—1 i od 4—7

אונזערע פריינד ה׳ **יצחק שטייניץ** און פרוי
צו דער חתונה פון זייער טאכטער **ד״ר מאַריאַ** מיט ה׳ **סטעפאן דיקמאן**
ווינשען מיר צו זעהען ביי זיי פיעל נחת און פרייד.
דעם יונגען פאר — א צופרידען און גליקליך צוזאמענלעבען.
ב. באַטשאן און פרוי

אונזער קוזין **יצחק שטייניץ** און פרוי
צו דער חתונה פון זייער טאכטער **ד״ר מאַריאַ** מיט ה׳ **סטעפאן דיקמאן**
ווינשען מיר אונזער הערצליכסטען מזל-טוב.
לייב לעדערמאן און פרוי.

צו דער חתונה פון אונזער פריינד
ה׳ **מארקוס סקווערעס** מיט פריילין **מאניא סרעברניק**
ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען.
מעניעק פעלדמאן און פרוי.

א הארציגען מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער ברודער און שוועגערין
יהושע שמולעוויטש און **פרוי** אין אנטווערפען (בעלגיע) צו דער חתונה פון זייער ליעבע טאכטער **לאה** מיט ה׳ **נתן יצחק רובינשטיין** וואס קומט פאר היינט, פרייטאג, ד. 23 ד. ח. דעם יונגען פאר — א גליקליך צוזאמענלעבען.
אברהם שמולעוויטש, פרוי און פאמיליע.

Przedstawiam się jako nowy

D-ra Oetkera
budyń czekoladowo-śmietankowy

Zastępca: H. NORYMBERSKI, Częstochowa, Aleja 38.

דאס אונפערגלייכליכע ביכעל מיט פארשריפטען פון דר. עטקער א. ט. „א גוטע בעל-הבית׳טע באקט אליין" איז צו בעקומען אין אלע קאלאניאל-געוועלבער, ביכער-געוועלבער און ביי אונזער פערטרעטער. פרייז 30 גראשען.

די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכער פרוי און מוטער נ״ע

גיטל לאה ברעסלער

פון דערהיים **עפשטיין**

וועלכע איז פארגעקומען פרייטאג, דעם 16-טען אקטאבער 1936 י. (ל׳ תשרי תרצ״ז), גאר בעזונדער דעם חשוב׳ן ד״ר **סאבאל** פאר זיין מעדיצינישע הילף זאגען מיר אונזער איניגסטען דאנק.

די אין טיפען טרויער פערבליבענע
מאן, קינדער און פאמיליע.

אלע די, וועלכע האבען אבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער אונפערגעסליכע פרוי, מוטער און גרויס מוטער

רבקה גאנצוויך נ״ע

בת ר׳ חנוך העניך הכהן **יעזאַווער**
געוו. הויז-בעזיצערין אין טשענסטאכאוו

און אנטייל גענומען אין דער לויה, וואס איז פארגעקומען דינסטאג ד׳ לחודש מרחשון תרצ״ז (20 אקטאבער 1936) פון איהר אייגענער וואוינונג, סענאטארסקא 1 – דריקען אויס א הארציגען דאנק די שווער-געטראפענע און אין טיפען צער פערבליבענע
מאן, זוהן, טאכטער, שנור, אייניקעל, ברידער און משפחה אדערבערג
אין אבוועזענהייט פון **זוהן, טעכטער, שנור, איידעמס און אייניקלעך** אין מעלבורן (אויסטראליע).

דער פאמיליע גאנצוויך
צוליב׳ן טויט פון זייער הייסגעליבטער מוטער
רבקה
אין איער גרויסען צער — אונזער מיטגעפיהל און טרייסט.
שרה און **מרדכי קויפמאן.**

ס'איז שוין די העכסטע צייט!

דעם ערשטען סטיטשען 1937, ד. ה. אין צוויי חדשים אַרום געהט אַריין אין קראַפט דאס געזעץ וועגען דער שחיטה-גזירה.

מילא, וועגען עצם ענין איז איצט איבּריג צו רעדען, עס איז א געשע-הענער פאַקט און אלס אזעלכען מוז מען זיך דערמיט רעכענען. און אָט טאַקי דערפאַר טאָר מען נישט אויף איין מינוט מסיח-דעת זיין דערפון, וואס די גזירה וועט טרעפען טויזענ-דער יודישע משפחות, וועלכע האבען זיך זייער גאנץ לעבען בעשעפטיגט מיט דער פלייש-בראַנזשע.

די דאָזיגע גזירה, וואס איז נאָר אויסען געווען צו בערויבען טויזענדער יודישע משפחות פון זייערע פרנסה-צווייגען, וועט בעשטימט טרעפען אין ציעל, דאַרף דעריבער דער אבוועהר-קאַמף זיין גוט אָרגאַניזירט.

די צייטונגען דערצעהלען וועגען פערשידענע צוזאמענפאהרען פון פליי-שער, וועלכע טראכטען אַנ'עצה; אַנ-דערע ווילען אָרגאניזירען הילף פאר די יעניגע, וועלכע וועלען ארויסגע-שטויסען ווערען פון זייערע פרנסה-צווייגען.

ווי אזוי די דאָזיגע אַקציע וועט אָר-גאַניזירט ווערען, איז נאָך פריהצייטיג צו רעדען, כאָטש צווישען אונז זאָל עס בלייבען, וואָלט כדאי געווען, אז דער גאנצער ענין זאָל בעלויכטען ווע-רען עפענטליך, כדי מען זאָל וויסען, ווי מען האלט אין דער וועלט. אָבער אויך נישט דאס ווילען מיר איצט בע-ריהרען, מיר ווילען נאָר דאסמאל א רעד טהון וועגען אונזערע היימישע קצבים.

טשענסטאכאוו פערמאגט אַנ'ערך הונדערט יודישע קצבים, ד. ה. אַנ'ערך ביז 500 נפשות, און די אלע, וועלכע לעבען פון דער דאָזיגער בראַנזשע בילדען אויך נאָך א סך צעהנדליגער משפחות, און מען הערט נישט, אז דער היגער קצבים צעך זאָל וועגען דער פראגע עפעס טהון.

אמת. איינצעלנע קצבים ווענדען זיך צו אונז מיט אַנפראגען און בעטען עצות, ווי אזוי זיי זאָלען זיך ראַטעווען פון דער דאָזיגער גזירה, דאס אָבער איז נאָכמעהר א בעווייז, אז דער צעך אלס גאנצער טהוט גאָרנישט וועגען דעם.

און דעריבער טאַקי איז אונזער חוב אויפמערקזאַם צו מאכען דעם היגען קצבים-צעך, אז די שחיטה גזירה וועט זעהר שווער טרעפען דעם יודישען קצב און פלייש הענדלער, דעריבער דאַרף מען נישט פערלירען קיין איין מינוט, כדי צו ראַטעווען וואס ס'איז נאָר מעגליך.

עס איז שוין די העכסטע צייט!

ש.

„די יודען = פראגע אויף דער גאַרער וועלט"

(פון ד"ר טאַרטאַקאָווער'ס רעפעראט)

זונטאג אָוועד איז אין זאַל פון „מכבי" פאָרגעקומען אויף דער אוי-בענדערמאנטער טעמע אַ רעפעראַט פון בעוואוסטען עקאָנאָמיקער און סאָציאָ-לאָג ד"ר אריה טאַרטאַקאָווער. דער רעפערענט איז א בעקאנטע פערזענ-ליכקייט, געוועזן איינער פון די אָרגאַ-ניזאַטאָרען און ראשי - מדברים אויפ'ן נישט - לאַנג פאָרגעקומענעם יודישען וועלט-קאָנגרעס, דעריבער האט דער רעפעראַט פונ'ם דאָזיגען יודישען גע-לערנטען ארויסגערופען א גרויסען אינ-טערעס.

ד"ר טאַרטאַקאָווער ענטשולדיגט זיך, וואס ער וועט היינט נישט אָפערירען מיט קיין סטאַטיסטישע ציפערען ווע-גען דער יודישער עקאָנאָמיק אויף דער גאַרער וועלט, ווייל ער איז פשוט דער-צו נישט צוגעגרייט, נאָר ער וועט בלויז אין אלגעמיינע שטריכען רעדען וועגען אונזער טראַגישער לאַגע.

דער חשוב'ער פרעלעגענט הויבט אָן פון דעם, אַז אין מיטעלאַלטער איז אונז נישט אַזוי שלעכט געווען ווי היינט. דאַמאָלס, אין מיטעלאַלטער, האט מען אונז בלויז גענומען פאָליטיש און מאָ-ראַליש דערדריקען, צונעמען אונזערע רעכט, פערשטופען אונז אין געהעטאָ, מאכען אונז פאר פאַריער און בירנער פון דער דריטער אָדער נאָר פיערטער קאַטעגאָריע... — אָבער עקאָנאָמיש האט מען אונז נישט געקענט שלעכטס טהון, מאַטעריעל איז די יודישע לאַגע דאַן געווען אַ גלענצענדע. דאָס איז דער-פאר, ווייל אזוי איז געווען און איז דער אייוערנער גאַנג פון דער געשיכ-טע: כל-זמן מען האט אונז גדארפט האָבען, אַזוי לאַנג ווי די פעלקער האָ-בען זיך געמוזט בענוצען מיט אונזע-רע געניאַלע פעהיגקייטען אַלס סוחרים און פערמיטלער מיט אַ ברייטען שוואונג און אינטערנאַציאָנאַלען פער-נעהם, וועלכע האבען אַנגעשפארט אין די ווייטסטע און פערוואָרפענסטע ווינ-קלען פון דער וועלט — האָט מען אונז דאַן עקאָנאָמיש נישט געטשעפעט. היינט אָבער, ווען די נישט-יודען האָ-בען זיך שוין אויסגעלערנט די קונסט פון אַליין פיהרען די ווירטשאפט, זע-נען מיר מיט איינמאָל געוואָרען „אי-בעריגע" מענשען, פרעמדע געסט, וועל-כע ווערען נאָר טאָלערירט.

— אפילו נאָך דער גרויסער פראַנ-צויזישער רעוואָלוציע, ווען יודען זע-נען געוואָרען גלייכבערעכטיגט, עמאַנ-ציפירט; ווען ס'האבען פאר אונז אי-בּעראַל, מיט קליינע אויסנאַהמען, אָנ-געהויבען בלאָזען נייע ליבעראַלע ווינ-טען — איז עס אויך נישט געשעהן דערפאר, ווייל די פעלקער זענען מיט אַמאָל געוואָרען ווייכהארציג און איינ-געזעהן, אַז אויך מיר, יודען, זענען מענשען מיט לייטען צוגלייך — נאָר דערפאר, ווייל ביים אויפקום פונ'ם קאַפּיטאַליזם האבען זיי, פאר זיין עקס-פאַנסיע, אונז געדארפט אויסנוצען צו דעם צוועק. פון דעם די מסקנא: אין אַלע צייטען, ווען מ'האט די יודען גע-דארפט עקספלאָאַטירען, האט מען אונז „עפּיס" צוגעוואָרפען אין דער אָדער יענער געשטאַלט און איצט, ווען מ'רעט זיך איין, אַז מ'דאַרף אונז שוין נישט האבען, וויל מען פון דעם ביסעל יודען פטור ווערען. אַזוי זענען מיר תמיד דער אייביגער קרבן אין דעם גרויסען שלאַכט און פעלקער-געראַנגעל.

— וואס זאָל מען פאָרט טהון מיט די יודען, וועלכע זענען געוואָרען „אי-בעריג"? עמיגראַציע?! אַלע האבען זיך אַנגעכאַפּט אָן דעם דאָזיגען צוי-בער-וואָרט: אַ טייל פאַר און א טייל געגען. פּאַרטייען האבען נעבעך אָנגע-הויבען שלאָגען קאַפּיטאַל פון דער טע-מע, מען וויל פון דער יודישער טראַ-געדיע מאכען ענגע פאַרטיי-אינטערע-סען. אפילו די פּוילישע רעגירונג האט אויפ'ן פאָרום פון פעלקער-בונד אָנגע-הויבען בעריהרען די דאָזיגע פראגע. אמת, מיר זענען נישט געגען עמיג-ראַציע, אָבער מיר ווילען קיינמאָל נישט מסכים זיין אויף דער פאָרם און פלאַן ווי די דיסקוסיע ווערט איצט געפיהרט אַרום דעם פּראָבלעם. מיר האַלטען, אַז עמיגראַציע איז דוקא א געזונטע ערשיינונג אין יודישען לע-בען. האבען מיר דאָך געזעהן, וואס פאר א קאָלאָסאַל אויפבוי - ווערק אונ-זערע עמיגראַנטען האבען געשאַפען אין די צפון-און-דרום-אַמעריקאַנישע לענ-דער און איבעראַל, וואו זיי זענען נאָר געפאָהרען. זיי האבען דאָך וואונדער געשאַפען און זענען היינט, אין אונזער טראַגיק, אונזער שטאַרקסטער אָנלעהן. אויב מען וואָגט, אַז מיר דאַרפען עמיג-רירען צוליעב דעם, ווייל מיר זענען אַ האַנדעלס עלעמענט און פערמיטלער, טאָ פארוואָס לאָזט מען אונז נישט צו צו דער אינדוסטריע, צו לאַנדווירט-שאַפט, וואו מיר וואָלטען זיך געקענט גענוי אַזוי צופּאַסען און זיין פּראָדוק-טיוו ווי אויף אנדערע געביטען.

וואו איז אלזא דער אויסוועג פון אונזער טראַגישער לאַגע? מיר זעהען די לעזונג פון דער געפּלאָגטער און געפּייניגטער מענשהייט בכלל און פון יודענטום בפרט אין דער דעמאָקראַטיע, אינ'ם סאָציאַליזם, אין א ראַציאָנעלער, יושר'דיגער, סאָציאַליסטישער ווירט-שאַפט, וואו מיר וואָלטען געהאט א צוטריט צו אַלע ארבייטס צווייגען און געקאָנט פריי ענטוויקלען אונזערע פע-היגקייטען. אין 19-טען יאָהרהונדערט, ביים אָנהויב פון דער קאַפּיטאַליסטי-שער תקופה, האבען זיך די ענגלישע ארבייטער, אין זייער פערצווייפלונג, געוואָרפען אויף די מאשינען, אין וועל-כע זיי האבען געזעהן דעם גורם פון זייער ביטערער לאַגע און זיי פערניכ-טעט. באַלד אָבער האבען זיי זיך אי-בערציינט, אז נישט די מאשינען זענען זייער אומגליק, נאָר די שלעכטע ווירט-שאַפט. היינט, ביים איינברעכען זיך פון דער קאפּיטאַליסטישער הערשאַפט, פּרובט מען איהם ראַטעווען מיט אויפ-בלאָזען ביים פאָלק די נידריגסטע אינ-סטינקטען און ענגהארציגען שאָוויניזם געגען אנדערע פעלקער, נו, און דער עיקר, געגען וועלט-יודענטום, וואס זיי רעדען איין זייערע לייט, אַז מיר זע-נען שולדיג אין זייער פּיינליכער לאַגע און אזוי ארום לענקען דעם צאָרן פון די פערביטערטע מאסען נישט אין דעם אמת שולדיגען, נאָר אין אַנ'אַנדערער ריכטונג.

— דעם וועלט - אַנטיסעמיטיזם דאַר-פען מיר אַקעגענשטעלען דאס וועלט-יודענטום אלס גאַנצעס און נישט אלס צובּרעקעלטע און צופּערטעלטע מאַסע. נאָר דאַן, אין די ראַמען פון א וועלט-קערפּערשאַפט, וועלען מיר דעם אַנטי-סעמיטיזם קענען ערפאָלגרייך בעקעמ-פען. מיר זאָגען: אין דער וואקכאנאַל-יע פון ראַסיסטישען שגעון איז נישט שולדיג דער מאסען-מענש, נאָר די אינ-טערנאציאָנאַלע פאַשיסטישע קליקע, וועל-כע וויל אויפ'ן יודישען חשבון ערראבּע-רען און בעהערשען די וועלט. דער מענש איז נישט שלעכט, דער מענש איז גוט, ער איז אָבער היינט זעהר אומגליקליך. מען קען איהם לייכט גע-ווינען אויף דעם אָדער יענעם צד. דע-ריבער וועלען מיר, יודען, אינ'ם דאָ-זיגען געראַנגעל פון די צוויי כחות — צווישען פאַשיזם און סאָציאַליזם — שטעהנדיג זיין אויף דער זייט פון די פּרייהייטס-קעמפער, פונ'ם פרייען, יושר-דיגען געדאַנק פאר א בעסערע, ליכ-טיגערער צוקונפט!

מ. ק—ן.

ס'וועט נישט זיין קיין אָבטיילונג פון „באַנק גאָספּאָדאַרסטוואָ קראַ-יאָוועגאָ" אין טשענסטאָכאָוו.

זייט א לענגערע צייט געהען ארום קלאַנגען וועגען דער פּראָיעקטירטער עפענונג פון אַנ'אָבטיילונג פון דער „באַנק גאָספּאָדאַרסטוואָ קראַיאָוועגאָ" אין טשענסטאכאוו.

עס ווערט מיטגעטיילט, אַז די קלאַנ-גען שטימען נישט מיט דער ווירקליכ-קייט, די לעצטע טעג האט אין סאָסנאָ-וויץ געוויילט דער פּרעזעס פון „באַנק גאָספּאָדאַרסטוואָ קראַיאָוועגאָ" דר. גענ. ראַמאַן גורעצקי, וועלכער האט אויף א קאָנפערענץ אין דער האַנדעלס-קאַמער ערקלערט, אַז דער ענין פון גרינדען אין טשענסטאכאוו אַנ'אָבטיילונג פון „באַנק גאָספּאָדאַרסטוואָ קראַיאָוועגאָ" האט קנאַפּע אויסזיכטען צו רעאַליזאַציע צוליעב דעם אַלגעמיינעם דראַנג נישט צו פערגרעסערן די שוין גרויסע נעץ פון אָבטיילונגען פון דער באַנק.

פונ'ם קליינהענדלער-פעראיין וואַר-שאָווער 21.

זונטאג דעם 25 ד. ח. 4 א זייגער נ. מ. קומט פאר אין אייגענעם לאָקאַל א רעפעראַט פונ'ם אפּל. אדוו. י. קושע-פּיצקי א. ד. ט. „דאס געזעץ פונ'ם פּאָדאַטעק דאָכאָדאָווי".

איינגאַנג פריי.

נדבות פאַר „תומכי עניים"

פרעזעס יעקב ראָזענבערג צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער 50 קילאָ ברויט.

צו דער יאהרצייט פון זייער פאטער און מאַן ה' יצחק משה איזראַעלאָוויטש פאַריז 100 פראַנק 24.70 זל.

פרוי אסתר זעליגמאַן פאַריז 20 פראַנק 5.40 זל.

פרוי חיה איזראַעלאָוויטש 3 זל.

ה' יונתן איזראַעלאָוויטש 3 זל.

ה' מרדכי איזראַעלאָוויטש 3 זל.

ה' לייב לעדערמאַן א נדר אין דער חברה אגודת אחים 30 קילאָ ברויט.

ה' אברהם יעקב מאַס א נדר 10 קילאָ ברויט.

ה' יעקב יוסף בּרזאָסקי צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער 5 קילאָ ברויט.

פון ברית חשמונאים

פרייטאג-צו-נאַכט'ס 8 אָוועד פּונק-טליך וועט דער ח' לוי יונגסטער אויס ווארשא רעפערירען א. ד. ט.: „די חשמונאים בעוועגונג אין איצטיגען מאָמענט".

פון „אחדות ישראל".

שבת-צו נאכטס, דעם 24.10 האַלב 8 אָוועד קומט פאַר אין לאָקאַל פון בית"ר, אַלע 40 אַ רעפעראַט פון מיט-גליד פון דער נ. צ. אָ. נשיאות ח' לוי יצחק יונגסטער א. ד. ט. „די ציע-לען און אויפגאבען פון פּאָליטישען דריייוו".

נאָכ'ן רעפעראט — א דיסקוסיע. אַלע חברים מוזען אונבעדינגט אנווע-זענד זיין.

פון קרן - תל - חי.

שבת-צו-נאָכטס, דעם 24-טען ד. ח. 7.30 אוועגד קומט פאר אין לאָקאַל פון בית"ר (אַלע 40) א גרויסע פערזאמלונג פון דער גאנצער נ.צ.אָ.-בעוועגונג און קרן-תל-חי תורמים, אויף וועלכער עס וועט רעפערירען דער מיטגליד פון דער נ. צ. אָ. נשיאות ח' לוי יוגסטער פון ווארשא א. ד. ט.: „די אויפגאבען און ציעלען פון פּאָליטישען דרייוו פון קרן-תל חי".

נאָכ'ן רעפעראַט — א דיסקוסיע.



יודען, ווער וויל זיין א פרעזעס?

דאָס איז אוודאי צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון פּוילישען יודענ-טום, אַז מען זאָל דאַרפען זוכען אַ פרעזעס און מען זאָל איהם נישט גע-פונען.

עס איז דאָך געוואַלד צו שרייען, עס איז דאָך נישט צו פערשטעהן, אַז ביי יודען, ביי דעם פאָלק, וואס יעדער האַלט זיך פאר א חכם, פאר א גדול, פאר א פיהרער, זאָל קומען צו אַזאַ קריזיס, דאס ס'זאָל נישט זיין קיין פרעזעס. און דאך איז דאָס אמת!

אין דער רעזידענץ פון פּוילען, אין דער שטאָדט ווארשא, וואו עס לעבען קנאַפע 4 הונדערט טויזענד יודען, איז נישטאָ, ווער עס זאָל אָננעמען דעם פרעזעס אַמט פון דער קהלה.

איהר געדענקט דאָך, אַז ווען מיט 5 יאהר צוריק ה' מאַזור איז אויסגע-וועהלט געוואָרען אַלס ווארשאווער קהלה פרעזעס, זענען מאנכע צייטונגען ארויס מיט קולי קולות, מאַכענדיג איהם פאר אַ שוטה בן פּיקהאָלץ, פאַר אַנ'„אדריא"-טענצער, פאר אַ יתום קטן און ווער ווייסט נאָך וואס פאַרא נעמען זיי האָבען אויף איהם אויסגעטראכט און איהם געמאכט צו קליין געלד. ה' מאַ-זור האט זיך אָבער געטהון דאס ווייני-גע, ער האט לויט זיינע יכולת'ן אָנגע-פיהרט מיט די ענינים פון דער וואר-שאווער קהלה, כאָטש מען האט איהם געהאַלטען אין איין קריטיקירען די גאנצע צייט פון זיין פרעזעסור.

לעצטענס זענען אויך אין ווארשא ווי איבעראַל, פאָרגעקומען נייע וואה-לען צו די קהלות. דער רעזולטאט איז דאָ נישט וויכטיג, א פאקט איז אָבער, אַז בעת ס'איז געקומען די פראגע ווע-גען א פרעזעס, איז נישטאָ ווער ס'זאָל איבערנעמען דעם דאָזיגען אַמט. און נאָכמעהר — די זעלבע, וועלכע האָבען אַמאָל אַזוי שטארק בעקעמפט דעם ה' מאַזור, ליגען אויף די קניען און בע-טען זיך מיט טרעהרען אין די אויגען: פּאַניע ר' אלי', דערבּאַרימט אייך אי-בער דער ווארשאווער יודישער עדה און ווערט זייער פאַסטוך, נעמט אָן דעם פרעזעס אַמט. ה' מאַזור זאָגט אָבער „לא" מיט אַ גרויסען פּזר. ניין, ניין, ניין! ער וויל בשום אופן נישט, ער וויל נישט מעהר דעם כבוד, ער וועט קיין פרעזעס נישט זיין.

פערצווייפעלט שטעהט דאס יודישע ווארשא, זוכט א פרעזעס און האט נישט, סיידען זי וועט אויסשרייבען אַ קאָנ-קורס, אַזוי ווי מען טהוט בעת מען וויל אויפנעמען א חזן.

אויך ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו איז נאָך דער לעצטער קהלה זיצונג, אויף וועלכער ס'זענען פאָרגעקומען די וואהלען צום פּרעזידיום, ענטשטאַנען אַ קריזיס און ס'איז נישטאָ קיין פרעזעס.

כאָטש ביי אונז האט דאס מין גראָדע נישט געפעהלט, פערקעהרט, ביי אונז איז גראָד אַ געדרעטעניש אויף פרעזע-סען. צו ווערען פרעזעס פון ראַט האָ-בען געקעמפט צווישען זיך צוויי צדדים און נישט גלאַט אַזוי זיך נאַריש גע-מאכט, נאָר געקעמפט פערביטערט. ס'זענען געווען מאָמענטען, ווען די וואָגשאָל האט זיך איבערוואויגען איינ-מאָל אויף דער זייט און איינמאָל אויף דער צווייטער זייט און יעדער צד איז געווען זיכער, אַז די מעהרהייט איז מיט איהם, עד שבאו — ביז ס'איז גע-קומען דער דעצידירענדער מאָמענט, וועלכער האט געגעבען דעם רעזולטאט און איין צד האט געזיגט.

דערביי האט מען מאָביליזירט אַלע כחות, וואס ס'איז נאָר געווען מעגליך. מען האט זאָגאר געבּרענגט אַנ'ערנסט קראַנקען פרנס אויף דער זיצונג, וועל-כער האט געדארפט פאהרען אויף קו-ראַציע, איז ער געקומען צו לויפען אויף א מינוט, אָבגעשטימט און אַנט-לאָפען. פערשטעהט איהר דאָך, ווי גרויס ס'איז געווען ביי אונז דער יצר-הרע פון צו ווערען א פרעזעס.

דאס זעלבּע איז געווען ביי דער פראגע פון א וויצע-פרעזעס פון דער פערוואַלטונג. דא האבען אויך געקעמפט צוויי צדדים; ס'האט זיך אפילו גע-דאַכט, אַז ס'וועלען קעמפען וועגען ווי-צע פרעזעס דריי צדדים, נאָר די לעצ-טע מינוט זענען געבליבען בלויז 2 קאַנדידאַטען. אויך אַרום דעם איז גע-גאנגען א פערביטערטער קאַמף און ס'האט ערשט געמוזט קומען א גורל, וועלכער זאָל ענטשיידען. אויך דער גורל האט נישט געהאָלפען, ווייל דער פרעזעס פון דער פערוואלטונג, וועלכער האט יאָ בעקומען אַנ'אַבסאָלוטע מעהר-הייט האט אין צוזאמענהאַנג מיט'ן אויסגאַנג פון די וואהלען פון פערוואַל-טונגס-וויצע-פרעזעס-זיך ענטזאגט אָנ-צונעמען דעם אַמט און היות ווי קיין אנדערער איז דערווייל נישטאָ, איז ענטשטאַנען א קריזיס.

א מאָדנע פאָלק דאס יודישע. פון איין זייט זענען יודען גרייט צוליעב א בענקעל, צוליעב א שטיקעלע כבוד, זיך מוסר נפש צו זיין, צו געהן אין פייער אַריין, ווארום אַלע מחלוקת, שנאת חנם, שפיכת דמים, רכילות, מסירות און חלול השם קומען נאָר ארויס, ווייל דער וויל זיין גבאי און יענער וויל זיין גבאי; דער וויל זיין פרעזעס און יענער וויל זיין פרעזעס, און דאָ פלוצלינג מאכט זיך א מעשה, ס'שטעהט גרייט א בענקעל, דער העכ-סטער אָרטיגער אַמט, וואס קאָן נאָר זיין ביי יודען—פרעזעס פון דער יו-דישער קהלה, און איז דערווייל נישט בעזעצט.

כ'האָב געהאט אפילו בדעה פאָרצוּ-לייגען די ווארשאווער יודען, זיי זאָלען זיך אויסבאָרגען ביי אונז א פרעזעס, וועלכע מיר האבען אָביסעל צו פיעל, נאָר היות ס'איז פּלוצלינג ביי אונז אויך אויסגעבראָכען א קריזיס אויפ'ן פּאָסטען פון קהלה-פרעזעס, האלטען מיר זיך דערווייל אָן מיט אונזער אָפערטע קיין ווארשא, ווייל מיר האבען מיט זיך צו טהון... ווי-נאָר מיר וועלען מיט זיך פערטיג ווערען, וועלען מיר פּרובירען ארויסצוהעלפען אונזער גרעס-טע יודישע קהלה אין אייראָפּא.

דערווייל אָבער טאָרען מיר נישט זיצען מיט פערלייגטע הענד און מיר לאָזען ארויס א קול קורא צו דער גאנ-צער יודישער בעפעלקערונג אין פּוילען מיט א הייסען אַפּעל. מיר רופען אייך, יודען! עס וואַקירט א פּאָסטען פון פרעזעס אַמטען. ווער פון אייך וויל ווערען א פרעזעס?...

סמאל.

א. ביילין.

שוצלאָז.

מיט א צייט צוריק, איידער די אונרוהען אין ארץ ישראל האבען אויסגעבראָכען, איז מיר אויסגעקומען צו בעזוכען אונזער נייעם עמק — דעם עמק חפר. דער ערשטער פונקט, וואו איך בין אריין, איז בעשטאנען פון עטליכע שורות הילצערנע באראקען און א רייהע לייווענטענע צעלטען. אינ'ם גאנצען דאָרף האבען שעמערירט נאָר צוויי ווייס געקאלכטע בעטאָן-הייזער.

— וואס פאר א בנין איז עס? — האב איך געפרעגט, ווייזענדיג אויפ'ן גרעסערען.

— די קינדער-היים! — האט מען מיר ערקלערט.

— און דער צווייטער בנין?

— דער צווייטער בנין איז די וואוינונג פון זיין עקסצעלענץ דער אקס, כדי ער זאל געזונט און שטאַרק זיין און זוכה זיין אויפשטעלען דורות פון געזונטע בהמות, אמן.

און אליין — אין די הילצערנע באַראקען און אין די לייווענטענע צעלטען אין אַלע צייטען פון יאהר, ווי אין יעקב אבינו'ס צייטען. אָבער יעקב אבינו האט זיך שוין דעמאלט בעקלאגט אויף די אונבעקוועמליכקייטען: „די היץ האט מיך געפרעסען בייטאָג און די קעלט ביינאכט".

איך האב דאָרט מיט זיי פערבראכט עטליכע טעג און נעכט און האב גע־פיהלט ווי גרויס ס'איז אונזער זינד נעגען זיי. מיר לאָזען אונזערע יונגע מענער און פרויען לעבען אין אַזעלכע בעדינגונגען אין וועלכע אַנ'אָקס קען נישט לעבען. אפילו אָרעסטאנטען ווערען בעזאָרגט מיט מעהר בעקוועמליכקייטען.

אָבער נאך שרעקליכער איז זייער לאגע אין די לעצטע זעקס חדשים, ווען נאכט נאך נאכט ווערען ישובים אָרומגערינגעלט פון באנדעס פראים פון מדבר, וועלכע זוכען צו צושטערען דאס שענסטע, וואס ווערט פון אונז געשאפען אין מיטען א קראנקער און פערצווייפעלטער וועלט. נאכט נאָך נאכט פליהען קוילען פון ביקסען אין די ישובים, לעכערען דורך די הילצערנע באראקען און די לייווענטענע צעלטען און פייפען איבער די קעפ און שטעלען אין טויט סכנה די לעבענס פון אונזערע בויער.

יעדער לעבען איז טייער, יעדער לעבען איז הייליג. אָבער דאָס זענען דאָך נישט סתם מענשען, וועלכע טראָגען זייער אייגענעם גורל. מיר, דאס גאנצע יודישע פאָלק, טראגען אין אַ גרויסע מאָס די אחריות פאר זייער גורל. מיר האבען זיי אהין געשיקט. מיר האבען זיי אַוועקגעשטעלט צו בויען די יודישע היים. זיי זענען אונזער אָרמעע, וועלכע מיר האָבען געשיקט אין די פראָנט-ליניעס, און אלץ, וואס פאר'ן פראָנט איז נויטיג. האבען מיר אונזער חוב געטהון?

מיר שטאָלצירען מיט אונזערע עמק'ס און מיט אונזערע פיאָנערען. מיר זינגען זיי לויב-לידער. מיר בערימען זיך מיט זיי פאר דער וועלט. ווען מיר ווילען איבערצייגען די וועלט, אַז מיר זענען פעהיג צו שאפען א געזונט און נאָרמאל לעבען, ווייזען מיר אָן אויף זיי. יודישע טוריסטען קומען צו זיי פון אַלע ווינקלען גלות און געהען פון דאָרט צוריק מיט טרערען פון פרייד און האָפנונג אין דער יודישער צוקונפט. גויאישע טוריסטען קומען און געהען אַוועק מיט בעוואונדערונג, מיט דרך ארץ פאר יודען און מיט גלויבען אין מענשען בכלל. גראָד עטליכע וואָכען פאָר די אונרוהען האט זיך געבילדעט אין ירושלים א גרופע אינטעליגענטע אַראַבישע נאַציאָנאַליסטען, וועלכע האט בעשלאָסען צו בעזוכען די יודישע ישובים צום ערשטען מאָל און זיך איבערצייגען, וואס עס ווערט געטהון אין יודישען דאָרף. איך בין מיט זיי מיטגעפאהרען. די נסיעה איבער פערשידענע פונקטען האָט געדויערט עטליכע טעג. מיר האבען גענעכטיגט אין יודישע ישובים, וואו מ'האט זיי געוויזען און ערקלערט פרטים פון ארבייט און לעבען. און איך געדענק אַ מאָמענט, ווען מיר זענען געשטאנען אויפ'ן בארג „גלבוע", געקוקט אראָב אויף די צעוואָרפענע דערפער און פעלדער פון עמק יזרעאל, ווען איינער פון די אראַבער האט אויסגערופען מיט בעגייסטערונג אין העברעאיש:

— מה טובו אוהליך יעקב, משכנותיך ישראל!

אזא וואונדער איז דאָרט געשאפען געוואָרען, אַז א סך וואס קומען שפעטער מוזען אוועק פון דאָרט מיט אַ ברכה. אזוי גרויס איז דאָרט די אַרבייט און אזוי ריין איז דאָרט דאס לעבען, אַז יעדער בלעם, וואס וויל שיקען אַ קללה שיקט בענשונג.

נאכט נאָך נאכט, ווען מיר הערען שיסערייען אין ירושלים, זיצענדיג בעשיצט צווישען די פעסטע שטיינערנע ווענט פון אונזערע וואוינונגען, טראכטען מיר פון די שיסערייען, וואס קומען אין דער זעלבער צייט פאָר אין די אָפענע שוצלאָזע ישובים, וואו די קוילען רייסען זיך אריין אין די הילצערנע באַראָקען און לעכערען דורך די לייוועטענע צעלטען און זייען טויט און חורבן, דאן נעמט אונז ארום א געפיהל פון מוסר כליות און א געפיהל פון זאָרג פאר די טייערע לעבענס, וועלכע זענען אזוי פערברעכעריש שוצלאָז, און מיר זענען מתפלל אויף אַ נס און מיר וואַרטען אויפ'ן טאָג, ווען מיר קענען כאפען די צייטונגען מיט ציטערענדע הענד צו איבערצייגען זיך, אַז דער נס האט ווירקליך פאסירט, כאטש נישט אלע מאָל אהן קרבנות.

עס מוז תיכף א סוף נעמען דערצו!

די אונרוהען אין יאהר 1929 האבען אונז געלערנט, ווי וויכטיג עס איז אויפשטעלען צוויי-שטאָקיגע ריכטיגע בנינים אין די ישובים פאר שוץ און פאר צוריקשטויסען די אַטאַקען. די „קרן העזרה", וואס איז דעמאָלט געשאפען געוואָרען האט אין א סך ערטער אויפגעשטעלט אזעלכע בנינים. די איצטיגע אונרוהען האבען פערשטאַרקט די דאָזיגע לעהרע.

צווישען די פיעל אויפגאבען, וואָס דער מפעל „בצרון ובטהון" האט זיך געשטעלט, איז פערהאן אויך די אויפגאבע פון בנינים אין די ישובים. דאָס גאַנצע יודענטום וועט זיך מוזען אָברופען און העלפען, אַז דער מפעל זאָל זיין ערפאָלגרייך, כדי אין די יודישע דערפער זאל זיך תיכף אָנהויבען אַ פיבערהאפטע בוי ארבייט. דאס איז דער חוב פון יעדען יוד צו די וואס שטעהען אין דער פייער-ליניע. זיי בעשיצען אין דער ליניע נישט נאָר זייער אייגען לעבען און נישט נאָר דאס לעבען פון ישוב אין לאַנד. נאָר זיי קעמפען פאר'ן לעבען און פאר דער צוקונפט פון דער גאַנצער אומה.

העלפען זיי צו בעפעסטיגען זיך, מיט העלפען זיך, מיינט נישט ווייניגער ווי העלפען אונזער גאַנצען אומגליקליכען פאָלק.

אפל. אדוו. י. קזשעפיצקי.

וואָס דאַרף מען וויסען ביים שרייבען אַ „אַדוואָלאַניע" געגען אַ צו גרויסע שטייער-אויסמעסטונג?

די שטייער-אַמטען זענען שוין צוגעטרעטען צום פונאנדערשיקען די צאָהלונגס-נאָקאַזען פון „פּאָדאַטעק דאָכאָדאָווי" אויפ'ן יאהר 1936.

ס'ווערט דעריבער אַקטועל די פראַגע פון „אָדוואָלאַניעס" געגען אַ צו גרויסער שטייער-אויסמעסטונג. ביים שרייבען אַנ'„אָדוואָלאַניע" מוז מען אָבער געדענקען, אַז די שטייער געזעצען שטעלען א רייהע פאָדערונגען, אי בנוגע דער פאָרם פון דער „אָדוואָלאַניע", אי בנוגע איהר אינהאַלט.

ווערט די „אָדוואָלאַניע" נישט געשריבען לויט די געהעריגע פאָרשריפטען קען זי אין געוויסע פאַלען איבערהויפט נישט בעטראַכט ווערען און אין בעסטען פאל, ווען זי ווערט יאָ בעטראַכט, קען זי נישט ברענגען דעם געהעריגען רעזולטאַט.

מיר ווילען זיך דעריבער בעמיהען אויפצוקלערען די וויכטיגסטע פאָרשריפטען, וועלכע זענען נוגע דער פאָרם און אינהאַלט פון די „אָדוואָלאַניעס".

דער אַרט. 150 פון דער שטייער-אָרדינאַציע זעהט פאָר דאס אַנ'„אָדוואָלאַניע" מוז, צווישען אנדערע, ענטהאַלטען פאָלגענדע פונקטען:

1) אָנווייזונג אין וועלכער הינזיכט דער שטייער-צאָהלער האלט די אויסמעסטונג פאר אנ'אוננערעכטע און פאָדערט דעריבער איהר ענדערונג;

2) קאָנקרעטע פאָרוואורפען געגען די פרינציפען, אויף וועלכע ס'האט זיך געשטיצט דער שטייער-אַמט ביי דער אויסמעסטונג פון שטייער;

3) בעוויז-מאטעריאל, וועלכער גיט די מעגליכקייט פעסטצושטעלען די ריכטינקייט פון די פאקטען און ערקלערונגען, וועלכע זענען אָנגעגעבען אין דער „אָדוואָלאָניע".

פון די אויסגערעכענטע פונקטען איז קלאָר, אַז ס'איז נישט גענוגענד ווען די „אָדוואָלאַניע" ענטהאַלט אַנ'אַלגעמיינע ערקלערונג, אַז מען האלט די אויסמעסטונג פאר אַ צו-גרויסע און אוננערעכטע, נאָר זי מוז פונקט ביי פונקט אָבשטעלען זיך אויף יעדע פעסטטעלונג און יעדען פאַקט, אויף וועלכען דער שטייער-אַמט האט זיך געשטיצט ביים אויסמעסטען דעם שטייער, ווי: אינפאָרמאַציעס, זאכקענער, פערדינגסט-פראָצענט-זאַץ, אָברוט א. ז. וו.

ס'איז קלאָר, אַז כדי צו האבען די מעגליכקייט אויף דעם אַלעם זיך גענוי אָבצושטעלען מוז מען גענוי וויסען אויף וועלכען סמך דער שטייער איז געוואָרען אויסגעמאָסטען. דערצו נוצט דער אַרט. 101 פון דער שטייער-אָרדינאַציע, וועלכער גיט דעם שטייער-צאהלער דאס רעכט צו פאָדערן פון שטייער-אַמט די אַזוי-גערופענע „פּאָדסטאַווא ווימיאַרו" ד. ה. דעם באַזיס, אויף וועלכען די שטייער-אויסמעסטונג שטיצט זיך. די דאָזיגע אינפאָרמאַציעס ווערען ערטיילט דורכ'ן שטייער-אַמט מונדליך אָדער אויף א שריפטליכע ביטע פון שטייער-צאָהלער, שריפטליך.

ווען מען בעזיצט די „פּאָדסטאַווא ווימיאַרו" קען מען ערשט צוטרעטען צו שרייבען די „אָדוואָלאַניע". בנוגע דעם „פּאָדאַטעק דאָכאָדאָווי" דאַרף די „פּאָדסטאַווא ווימיאַרו" אָנווייזען פון וועלכער סומע „אָברוט" מען האט בערעכענט דעם „דאָכוד", ווי גרויס מען האט גערעכענט דעם פערדינסט פראָצענט-זאַץ, וועלכע אויסגאבען ס'זענען געוואָרען אַראָבגערעכענט פון די הכנסות, וויפיעל „סטאַפּניעס" מען האט אַראָבגערעכענט פאר די פאַמיליע מיטגלידער א. ז. וו. דער שטייער-צאהלער קען פאָדערן, אַז מען זאָל איהם די אַלע פאָזיציעס אויפגעבען, דען נאָר דאַמאָלס ווען איהם זענען בעקאנט די דאָזיגע פעסטשטעלונגען קען ער מיט דעם שטייער אַמט געהעריג און זאכליך פאָלעמיזירען, געגענשטעלענדיג די פעסטשטעלונגען פונ'ם שטייער-אַמט זיינע אייגענע פעסטשטעלונגען, געשטיצט מיט בעגלויבטע, געהעריגע בעוויזען. צום ביישפיעל דער שטייער-אַמט האט זיך געשטיצט ביים שאצען דעם „דאָכוּד" אויף אַ סומע „אָברוט" לגבי וועלכער דער שטייער-צאהלער קען בעווייזען, אַז ס'איז איהם אונמעגליך געוועזען זי אין דעם דאָזיגען יאהר צו דערגרייכען, אָדער דער שטייער-אַמט האָט גענומען אין אַכט א קלענערע צאהל פאַמיליען - מיטגלידער, וועלכע ווערען אויסגעהאַלטען פון שטייער-צאָהלער, ווי ס'איז אין דער ווירקליכקייט, אָדער ס'איז גערעכענט געוואָרען אַ צו גרויסער פראָצענט-זאַץ פון פערדינסט א. א. וו.

דאס זענען ביישפיעלען פון די אויבענדערמאנטע קאָנקרעטע פאָרוואורפען, וועלכע ס'דאַרף ענטהאַלטען אַנ'„אָדוואָלאַניע". ווי מיר האבען שוין בעטאָנט מוזען זיך די פעסטשטעלונגען שטיצען אויף בעווייזען. אלס בעווייזען קען דער שטייער-צאָהלער אָנגעבען אלערליי דאָקומענטען, בריעף „נאָטאַטקעס", עדות, זאַכקענער א. א. וו.

אויך קען דער שטייער-צאָהלער אין דער „אָדוואָלאַניע" פאָדערן, אַז מען זאָל איהם רופען צו דער זיצונג פון דער „קאָמיסיע אָדוואָלאַוטשע", אויף וועלכער ס'וועט בעטראַכט ווערען זיין „אָדוואָלאַניע", כדי צו געבען מונדליכע ערקלערונגען. אין דעם פאל מוז ער איינצאָהלען ½ פראָצ. פון דער שטרייטבארער סומע.

ס'איז וויכטיג צו בעמערקען, אַז דער שטייער-אַמט אַליין האט דאס רעכט צו פערקלענערען די אויסגעמאָסטענע שטייער סומע מיט א סומע פון 300 זל. (העכסטענס).

די דאָזיגע פערקלענערונג נעמט אָבער נישט אַוועק דעם שטייער-צאָהלער דאָס רעכט אריינצוטראָגען א ווייטערדיגע „אָדוואָלאַניע" פון דער דעציזיע פונ'ם שטייער-אמט, אין פאַל ווען ער האַלט די פערקלענערונג פאר א צו קליינע.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

רכילות-טרייבער

מען קאָן בשום אופ'ן נישט אדורכגעהן גלייכגילטיג דער דאָזיגער זעהר נישט עטישער האנדלונג פון געוויסע בייזוויליגע מענשען לגבי אַנ'אָנדערן מענש.

עס האנדעלט זיך וועגען ענין-אָוונער.

מיר האבען אפילו דעם גאנצען ענין נישט געוואָלט בעריהרען, האלטענדיג, אַז עס איז צו-וועהטאגליך און שעצענדיג דעם כבוד פון דער טיכטיגער פעדאַגאָגין פרל. ערנאַ אָוונער; מיר האבען דעריבער די גאנצע זאך געוואָלט פערשווייגען, נאָר היות ווי די פאמיליע פון דער פרל. אָוונער האט שוין גענומען א וואָרט וועגען דעם, ווילען מיר אויך וועגען דעם זיך ארויסזאגען.

פרל. אָוונער איז קראַנק געוואָרען. מילא, קיין שום מענש קאָן נישט פערזיכערען, אַז ער וועט שטענדיג געזונד זיין, איז זי אַוועק קיין קראָקאָ אויף קוראַציע און דאס טאָקי האבען אויסגענוצט בייזוויליגע מענשען און ארויסגעלאָזט א קלאַנג, אַז זי איז קראַנק געוואָרען אויף איינע פון די שרעקליכסטע נגעים. באַלד האבען זיך גענומען ארום דעם פערשפרייטען פאַנטאַסטישע ידיעות, איינע שרעקליכער פון דער אנדערער. צום גליק אָבער האט זיך ארויסגעוויזען, אַז דאס אלץ איז ליגענד און שוין אין די נאָהנטסטע טעג וועט זיך פרל. אָוונער צוריקקעהרען אַהיים געזונד און פריש און ווייטער פערנעמען איהר פעראַנטוואָרטליכען אַמט.

מיר פון אונזער זייט זענען העכסט צופרידען, וואס די אלע מעשות זענען נישט מעהר, ווי פוסטע רכילות, נאָר די, וועלכע האבען אויסגעטראכט אַזעלכע בייזוויליגע ליגענס, זענען מיאוס'ע רכילות טרייבער, וועלכע זענען עלול א מענשען אויף אייביג אומגליקליך צו מאכען.

„טאָ מניע ניע אינטערעסויע"...

כ'וויס נישט, צו נאָך ביי איין פאָלק אין דער וועלט, מעגען עס זיין האָטענטאָטען, געפונען זיך אַזעלכע העסליכע ברואים, וואס זאָלען זיך ווילען אליין פערלייקענען, אזוי ווי דאס קומט פאָר ביי אונזערע יודען און בפרט ביי אונזערע יודישע טעכטער. זיי זענען גליקליך, ווען זיי קאָנען דעמאָנסטרירען, דאס זיי האבען מיט אלעם, וואס ריהרט אָן יודישקייט, נישט קיין שייכות.

עס קומט מיר אָפט אויס אין געזעלשאפט צו כאפען א שמועס וועגען יודיש טעאטער, יודישער ליטעראַטור וכדומה, איז איידער וואס-ווען, שפרינגט שוין ארויס אזא איינע. און גיט קודם כל א פייערליכע ערקלערונג. אז דאס אינטערעסירט זי נישט און זי וויל נישט האבען דערמיט קיין שייכות און דאס נישט דאָרט עפעס אַנ'איידעל געפּאַטשקעט פריילין פון דער אזוי גערופענער אַריסטאָקראַטיע, נאָר א גאנץ איינפאַך ארבייטער-מיידעל, וועלכע איז זאָל מען זאגען אַנ'אָנגעשטעלטע אין א ביוראָ און האט מסתמא געענדיגט א פּאָווּשעכנע שולע.

יענע וואָך האָב איך זיך צוגעהערט, ווי אזוי אזא פריילין, וועלכע ארבייט אין א באַנק אלס אָנגעשטעלטע דערצעהלט איהרס א קאָלעגע, וועלכער זיצט ביים צווייטען טיש, וואס פאַר א הערליך בילד עס איז דער פוילישער פילם „באַלעק-לאַלעק". רוף איך זיך אָב אזוי מן הצד, אַז דער יודישער פילם „יודל מיט'ן פידל" איז אויך זעהר א שעהנער און ס'איז כדאי איהם צו זעהן. גלאָצט דאס פריילין אויס אויף מיר די אויגען מיך גלייך איינצושלינגען און גיט א געשריי מיט א בענומען קול: „צאָ, וו זשידאָווסקים?—טאָ מניע ווצאַלע ניע אינטערעסויע!" בין איך געבליבען ווי אַנ'אָבגעגאָסענער און האָב זיך שוין מעהר נישט אָבגערופען, נאָר אינעווייניג אין דער נשמה איז מיר געוואָרען פּאַסקודנע און איך האָב זיך געטראכט: פון וואַנען נעמט זיך צו אונז אַזאַ העסליכקייט זיך אליין צו שפייען אין פּנים, אַז די גרעסטע נארישקייט אויב זי נאָר נישט יודיש, איז זי גוט און וואויל און טאָמער איז עס דאס שענסטע און בעסטע, נאָר עס איז יודיש, איז עס פאָר אונזערע מ'שטיינס נעזאַגט אינטעליגענטע פריילינס מיט א שוויאָדעצטווע פון דער פּאָווּשעכנע-שולע, טריפה ווי חזיר...

און נאָך האָב איך זיך געטראַכט: פאָר וואס זאָלען אונז די גוים נישט פיינד האבען, אַז מיר אליין האבען זיך פיינד, אַז מיר אליין שפייען אויף אונזער הערליכער קולטור, וואס איז דער פונק, וואס וואַרימט די נשמה און רופט צו שענערס און ערהאבענעס.

פאָר וואס—וואָלט זיך געוואָלט אָנשפייען אזא פּאָסקודניצע און זי פרעגען—בעקומט זי נישט קיין ארבייט אין א נישט-יודישער פירמע, נאָר עסט דאס ברויט פון די יעניגע, אויף וועלכע זי שפייט?!

עס עקעלט פאָר די דאָזיגע הערליכע ברואים.

דער פענאָמענאַלער בייגעל-פערקויפער

איהר קענט אלע דעם יודען אין ווייסען כאַלאַט מיט'ן נעלען בערדיל אין יודישען היטעל, וועלכער געהט אָרום א גאנצען טאג איבער די גאַסען און איבער די הויפען מיט א קויבער בייגעל, שרייענדיג: „אָבאָזשאַנקי שוויעזשע". אָט דער דאָזיגער יוד בעגניגענט זיך נישט בלויז מיט זיין מלאכה בייטאג, נאָר ער האנדעלט אויך ביינאכט.

קומט אין אָוונד נעמט ער א פרישען קויש מיט בייגעל און הויבט אָן ארומצוקריכען איבער די געזעלשאַפטען און פעראיינען, אָנבאָטענדיג זיין סחורה. אין וואס פאָר א פעראיין איהר זאָלט נישט קומען, וועט איהר דאָרט בעגעגענען דעם דאָזיגען בייגעל-הענדלער און נישט בלויז אין די לאָקאַלען פון די אינסטיטוציעס, נאָר אויך אויף אַלע פאָרלעזונגען און אנדערע פעראַנשטאַלטונגען אויף ספּאָרט-אימפּרעזעס און טעאטער-אונטערנעהמונגען אויף טאַנץ-אָווענדען, וואס דאַרפט איהר מעהר— אפילו ווען עס קומט פאָר א גרויסע לויה און ער ווייסט, אַז זי וועט לאַנג דויערען, לויפט ער ארויס פריהער מיט'ן קויבער בייגעל אויפ'ן בית עולם און באַט אָן זיין סחורה די מלוים.

אויבענאויפיג זעהט דער בייגעל-הענדלער אויס, ווי ער וואָלט געווען א בטלן, פאַקטיש אָבער איז ער גאָר קיין נאַר נישט ער האט א גוטע נאָז, וואס דערשמעקט וואו עס קומט פאָר א שטיקעל צוזאַמענקום, און שוין איז ער דאָ מיט זיין קויבער בייגעל. ער שעמט זיך נישט, ער קריכט אַריין אויף א זיצונג און אין מיטען דער דעבאַטע גיט ער א געשריי: „אָבאָזשאַנקי!"... מען רופט איהם, דער פענאָמענאַלער בייגעל-הענדלער.

פאַן נאַטשעלניק טאָ יאַ...

פערהאַנען א קאָמעדיע אונטער אזא נאָמען; פאַר די יודישע מאַרק-שטעהער איז דאס אָבער א טראַגעדיע—אָט דער „פּאַן נאַטשעלניק".

ווי בעוואוסט איז געלונגען נאָכדעם, ווי מען האט אַראָבגעטריבען די מאַרק-שטעהער קיין זאַוואָדזיע איבערצולאָזען

מוזען פון פוילען עמיגרירען פוילישע בירגער אָדער יודען?

פון ד"ר יעקב חיגאָדסקי

יודען אין פוילען בייזערן זיך די לעצטע צייט אויף די אַלע יודען, וואס האבען זיך ארויסגעזאגט עפענטליך, אפילו מיט די בעסטע כוונות, דערפאר, דאס אין פוילען איז דאָ כלומרשט אַן־עודף יודען וואס מוז אויף דעם אָדער אויף יענעם אופן פון פוילען אָבטראַנספּאָרטירט ווערען! רעדט עמיצער אין נאָמען פון וועלכען עס איז יודישען קבוץ, אָדער פון וועלכער עס איז יודישער אינסטיטוציע, מוז ער קודם כל זיך פריהער פאר אַלץ בעראַטען מיט די מאסגעבענדע מענשען, וואס טראָגען אויף זיך די אחריות פאר דעם קבוץ אָדער אינסטיטוציע...

צווייטענס, מוז אַזאַ „רעדנער", איידער ער נעמט דאס וואָרט, זיך אָבגעבען א דין וחשבון נישט נאָר פון דעם עצם ענין נאָר אויך פון דעם אָבקלאַנג, וואס זיינע רייד וועלען געפינען אין דער פּסיכאָלאָגיע, וואס הערשט אין דער סביבה, וואו ער רעדט...

בעזונדערס וויכטיג איז דאָס פאר אונז, יודען, ווען עס רייד דער אַנטיסעמיטיזם פערדרייט שטענדיג אין דער ריכטונג פון זיינע אָפּגעדראָשענע בלבולים... פאַלט נאָר אריין א יודישער פּאָליטישער רעדנער, אום צו רעדען מיט דעם סובות־דיגען לשון, ווי א יוון איבערחזרנדיג אַנ׳אַנטיסעמיטישע פּאָדערונג, בלייבען זיינע כוונות אַלס מאַטעריאַל פאר ברוקירען דעם גיהנום און זיינע נישט־ווילענדיגע אַנטיסעמיטישע בעהויפּטונגען אַלס אַנ׳ערנסטער שאָדען פאר דער ריינער יודישער זאַך, וועלכע ער וויל באמת דינען...

פּאָרזיכטיג, מיינע הערן, מיט דעם עפענטליכען וואָרט און נאָך פּאָרזיכטיגער מיט רייד, וועלכע קענען אָנגענומען ווערען אַלס רייד אין נאָמען פון יודען בכלל און פון ציוניסטען בפרט!

א גוטער פּאָליטיקער רעדט ווייניג, אָבער וואָגיג, מיושב׳דיג...

מוזען יודען, אַלס אַזעלכע, עמיגרירען פון פוילען?

דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילען, וואס פאָדערט דאס, מאָטיווירט דאס נישט מיט דעם, וואס די יודען אין פוילען זענען ארבייטסלאָז, נאָר מיט דעם, וואס יודען האבען יאָ בעשעפטיגונג בשעת א גרויסער טייל פּאָלאַקען האבען זיי נישט. דאַרף מען דעריבער נאָך זייער מיינונג אָבנעמען די בעשעפטיגונגען ביי יודען און אָבגעבען זיי די פּאָלאַקען! אויף אַזאַ אופן וועט מען קאָנען דעם האַנדעל, אינדוסטריע, מלאכה א. אז. וו. „נאַציאָנאַליזירען", ד. ה. אָפּנעמען ביי די מיעוט פעלקער און אָבגעבען דעם רוב־פאָלק, כדי צו שאפען דערמיט א „טאָטאַלע" מלוכה! אי, די איבריגע מלוכות, אָן וועלכע די מיעוטים שפארען זיך אָן, וועלען זיך גוקס זיין און ביי זיך איינפיהרען פונקט אַזאַ „טאָטאַליטעט", פון וועלכען פוילישע מיעוטים („פּאָלאַצי זאַ גראַניצאָן") וועלען בלייבען אָהן ברויט — כוו מען טאקי מיט די אַלע מלוכות אין דעם פּ"ט זיין פּאָרזיכטיג, זעהר פּאָרזיכטיג, אָבער מיט יודען, וואס האבען נישט אָן וועמען זיך אָנצושפּאַרען, איז נישטאָ וואס צו מאכען צערעמאָניעס: אָבגענומען ביי זיי די ארבייט און — שרײ חיי וקיים!...

מיר האבען שוין פיעל מאָל אויפגעוויזען אויף דעם גרויסען שאָדען, וואס אַזאַ לעזונג פון דער יודישער שאלה וואָלט נעבראַכט נישט נאָר יודען, נאָר קודם־כל דער פוילישער מלוכה!

וועלענדיג אָבער דורכאויס נאָכטהון די אַנטיסעמיטישע פּרובען פון דעם „גרויסען" געלערנטען און „פּאָליטיקער" אין דייטשלאַנד, וועלכע זיי האלטען פאר געלונגענע, און וועלענדיג צודעקען די הימעל שרייענדע עוולה, וואס מען וויל אָבטהון בנוגע יודען מיט א פּוסטען תירוץ, — האבען אין דער לעצטער צייט געוויסע מלוכה מענער, אפילו אויפ׳ן פּאָרום פון דער פעלקער־ליגע פאָרגעשלאָגען, דאָס מען זאָל די בע׳עולה׳טע יודען מפצה זיין מיט „עמיגראַציע" אין די „קאָלאָניעס", וואס די פעלקער־ליגע וועט איבערגעבען די בעטרעפענדע מלוכות!...

דאָ שטעהט אויף א קלאָץ־קשיא: אויב מען וועט די דאָזיגע מלוכות געבען „קאָלאָניעס" אויף צו טראַנספּאָרטירען דאָרט יודען, וועלען דאָך די דאָזיגע מלוכות פערטרייבען פון דאָרטען יודען אויף דעם זעלביגען יסוד, אויף וועלכען זיי האבען זיי פערטרייבען פון דער מעטראָפּאָליע, אויפ׳ן יסוד פון אַנטיסעמיטיזם און „טאָטאַליזם"!

א גאַנץ אַנדערע זאַך איז פאָדערן קאָלאָניעס כדי צו בעקומען פון דאָרטען רויה שטאָפען. די פראַגע פון דעם יושר׳דיגען צוטיילען די רויה־שטאָפען איז א וועלט־פראַגע פון דער גרעסטער בעדייטונג: דאס איז א פראַגע פון וועלט־יושר, וועלט־ווירטשאפט און וועלט שלום!... די פראַגע איז אָבער אויסעראָרדענטליך שווער צו לעזען, ווייל די אַלע מלוכות, וועלכע שטרעבען צו א „טאָטאַלער" מלוכה וועלען דאָך באַלד די אויסטאָכטאָנען פון די קאָלאָניעס, וועלכע די פעלקער־ליגע וועט זיי איבערגעבען, פערטרייבען פון זייער היים אין „עמיגראַציע", ווייל דאס פאָדערט דער ווילדער און נאַרישער „טאָטאַליזם" און, דער עיקר, ווייל עס איז נישטאָ וועמ׳ עס זאָל זיך פאר זיי אָבנעמען!..

עס איז גענוג אין דעם פּרט אויפצוּווייזען אויף דעם ערשטען (האָהענצאָלערנשען) רייך, וואו די נישט דערהערטע ווילד־אכזריות׳דיגע, באַרבאַרישדייטשע בעהאַנדלונג פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג אין קאַמערון און אין אַנדערע ערטער איז דערגאַנגען ביז צום דייטשען געריכט!..

אומקערענדיג זיך צו דער פראַגע מכוח די „איבריגע" יודען, וואס מוזען כלומרשט עמיגרירען אין א צאָהל „נישט ווייניגער ווי 80,000 יעהרליך", מוזען מיר דאָך זאָגען, אַז קיין „איבעריגע" יודען אין פוילען איז בכלל נישטאָ! עס זענען דאָ אין איצטיגען מאָמענט פּרנסה׳לאָזע פּוערים, אַרבייטסלאָזע אַרבייטער, ווי אויך פּרנסה־לאָזע סוחרים, בפרט קליינהענדלער און האַנדווערקער — נישט־יודישע און יודישע, זאָל מען זיי אַלעמען פערטרייבען פון פוילען? מוזען זיי אַלע זוכען פאר זיך אימיגראַציע־לענדער? ווען אַזעלכע לענדער וואָלטען געווען, וואָלטען דאָך די אָרימע מענשען נישט געוואַרט און וואָלטען דאָך שוין לאַנג א לאַז געטהון זיך אַהין, זוכענדיג אַרבייט און ברויט! פאַרוואָס מיינט מען עפּעס, אַז נאָר יודען מוזען עמיגרירען בשעת די פוילישע קאָנסטיטוציע ווי אויך דער ווערסאַלער שלום אָבמאַך גאַראַנטירען אונז פולע בירגערליכע און פּאָליטישע גלייכבערעכטיגונג?

מיר וועלען זיך בשום אופן נישט לאָזען פערטרייבען פון לאַנד, נישט נאָר פון פוילען, נאָר אויך אפילו פון דייטשלאַנד, וואו איבערפלעכליכע מענשען מיינען, אַז דאָרט איז די יודישע שאלה געלעזט געוואָרען". אײלט זיך נאָר נישט מיינע הערן, די שאלה געפונט זיך אין פּראָצעס פון קאַמף פאר׳ן קיום. דער היטלעריסטישער רעזשים פון אויסהונגערן אַלע דייטשע יודען — וועט פערניכטעט ווערען מיט דעם מאָמענט. ווען דער היטלעריזם וועט זיך ברעכען האַלז און נעניק! דאס איז א פראַגע פון א נישט זעהר לאַנגער צייט...

בכלל קען די יודישע שאלה דורך עמיגראַציע אין וועלכען עס איז לאַנד א חוץ ארץ ישראל, נישט געלעזט ווערען. אין א"י האבען יודען גלענצענד בעוויזען, אַז זי קען אויף א זעהר גוטען אופן צום נוצען פון יודען און אַראַבער געלעזט ווערען! דער ציוניזם האָט שוין לאַנג די יודישע שאלה אינטערנאַציאָנאַליזירט און ער וועט זיך פאר קיינע מניעות נישט אָפּשטעלען, ווי שטאַרק עס זאָל זיך נישט דוכטען, אַז מ׳קאָן זיי נישט בייקומען!

אַלע מלוכות, וואס זענען פּראַאינטערעסירט אין דער דאָזיגער איינציג מעגליכער לעזונג פון דער יודישער שאלה, ד. ה. אַלע מלוכות פון דער וועלט, מוזען אונז קומען צוהילף דערביי.

עמיגרירען פון פוילען קען יעדער בירגער אָבער קיין שום בורגער טאָר מען נישט צווינגען צו עמיגרירען!

טשעקאווע יודיזנות

אויסטערלישע צייטונגען.

אויף דער גאַנצער וועלט איז נישט פעהראַנען קיין איין איינציג בלאַט, וואס זאָל קענען געבען אַנ׳אמת׳ן סך־הכל איבער אַלע צייטונגען, וואס זענען ווען ס׳איז ארויסגעקומען אויף דער וועלט און געהען נאָך היינט ארויס. א פּנים מ׳מאכט פון צייטונגען נישט קיין גרויסען צימעס, אַזוי אַז קיינעם פאַלט נישט איין, אַז די צייטונג איז דער שפּיגעל, וואס גיט א קלאָר בילד איבער׳ן לעבען פון די פעלקער וואו די בלעטער ערשיינען.

אמת איז, אין עטליכע לענדער געפונען זיך אַמטען, וואס זאַמלען צייטונגען, אָבער ערשטענס זאַמלען זיי נור די בלעטער פון זייער לאַנד און צווייטענס נעמט די זאַמלונג אויך נישט אַרום אַלעס, וואס דערשיינט דאָרט, עס פעהלען צומייסטען בלעטער בכלל און איינצעלנע נומערן בפרט.

איינער א פּריוואַטער מענש אין דער שווייץ, נישט קיין געלעהרטער און נישט קיין רעדאַקטאָר, נור א פּשוט׳ער געוועזענער זעצער אין א קליינער דרוקעריי פון א קליין שטעטיל, האט געהאַט דאס גליק מיט וואָכען צוריק צו געווינען אין דער לאָטעריע דאָס גרויסע געווינס. איז ער ארומגעפאָהרען כמעט אין דער גאַנצער וועלט און האט צונויפגעקויפט אויסטערלישע צייטונגען, איינציגע בלעטער פון פערשידענע לענדער און פּאַרטייען, וועלכע מ׳זעהט אין ערגיץ נישט. מיט עטליכע יאָהרען צוריק האט ער דאָז גע בלעטער אויכגעשטעלט אויפ׳ן לייפּציגער יריד און דאָרט האט מען באמת געקענט זעהן בלעטער, פון וועלכע קיין שום בן אדם האט קיינמאָל נישט געהערט אפילו.

דאס גרעסטע בלאַט אין דער וועלט איז דו קאָפּענהאַגער „פּאָליטיקען" פון יאָהר 1850. דאס בלאַט איז גרויס געווען צוויי מעטער די לענג און צוויי מעטער די ברייט. ס׳האט געמוזט זיין א גרויסער קינסטלער, מ׳זאָל דאס בלאַט אזוי צונויפלעגען, אַז מ׳זאָל עס קענען לעזען.

די סבה פון דער גרויס איז געווען דאס, וואס די דענישע רעגירונג האט דעמאָלט איינגעפיהרט שטייערן פון יעדען בילינגען פּאַפּיר, וואס דאס בלאַט האט געדרוקט. בכדי זיך צו שפּאַרען די שטייערן, האט מען דאס בלאַט געדרוקט אויף א בילינגען פּאַפּיר, וואס האט געהאַט פיער קוואַדראַט מעטער.

דאס קלענסטע בלאַט איז ארויסגעגעבען געוואָרען אין לאָנדאָן, אין יאָהר 1893. דאס בלאַט האט געהאַט א גרויס פון פופצעהן צענטימעטער די לענג און צעהן צענטימעטער די ברייט. יעדען טאָג זענען ארויסגעקומען 8 זייטלעך פון דעם בלאַט, וואס האט געבראַכט ידיעות פון דעם פוסבאַל־קלוב „אַמאַטער וואָרקערס".

א זעלטען בלאַט איז געדרוקט געוואָ־ען אין יאָהר 1908 אין פּעדזיע. עס איז געווען א רעוואָלוציאָנער בלאַט אַקעגען דער דעמאָלטיגע דאָרטיגער רעגירונג. פון דעם בלאַט איז נור ארויס איין נומער, דעם אַנדערען טאָג האט מען אויפגעהאַנגען נישט נור אַלע רעדאַקטאָרען פון דעם בלאַט, נור אויך דעם דרוקער און אַלע זעצערס.

פאר ראָקפעלער׳ן, וועלכער לעזט יעדען טאָג די ניו־יאָרקער „טיימס" ווערט איינגענס געדרוקט איין איינציגער נומער פון דעם בלאַט, אין וועלכען ס׳געפונען זיך לויטער ידיעות איבער ישועות ונחמות, ווייל דער אַלטער ראָקפעלער טאָר זיך נישט אויפרעגען איבער די שלעכטע צייטען. אין זיין „טיימס" איז נישט פעהראַן קיין שפּאַניע, קיין אַביסיניע, קיין קריזיס און קיין נויט. אַלע לעבען בשלום ושלוה. פיעל רעדאַקטאָרען זענען דערמיט בעשעפטיגט יעדען טאָג אויסצוקלערען דאס שענסטע און דאס בעסטע פאר דעם נומער, וואס געהט ארויס נור אין איין איינציגען עגזעמפּלאַר.

אויך די „פּאַרק עוועניו", די רייכסטע גאַס פון ניו־יאָרק, גיט ארויס אַן איינענע צייטונג, וואס ווערט אַבאָנירט פון אַלע צוויי הונדערט רייכע לייט, וואס וואוינען אין דער גאַס. אין דעם בלאַט ווערט אויך נור דערצעהלט פון פעסטען און שבחות, וואס ווערען געגעבען ביי די איינוואוינער פון דער „פּאַרק עוועניו".

אויך פאר זיי ברענגט מען נישט קיין שום שלעכטע ידיעות פון דער וועלט. אויך זייער בלאַט מוז יעדען טאָג שרייבען נור איבער פרעהליכע זאַכען.

ז. האבער, וויען.

אין נייעם מאַרק האָט ביי די טראָטואַרען א פּאָר אויבסט־הענדלער מיט זייערע וועגעלעך. ספּערשטעהט זיך, אַז דאס איז נישט לייכט אָנגעקומען, עס האט געקאָסט גענוג מיה און לויפעניש און ווען דאס איז שוין אויסגע׳פּועל׳ט געוואָרען, האבען זיי ערשט צרות פון דעם „פּאַן נאַטשעלניק".

אין מאַגיסטראַט איז דאָ א בעאַמטער ושמו וויעטשאָרעק, כאָטש לויט זיינע מעשים האט ער געדאַרפט הייסען „נאַך", ווייל ווען ער קומט ארויס אין מאַרק, ווערט די אויבסט הענדלער פינסטער אַזוי ווי ביינאַכט. האט ער זיך אָנגעזעצט אויף די פּאָר בידנע הענדלער און פערביטערט זיי זייער לעבען. יעדע פאָר טאָג קומט ער מיט נייע פּראָיעקטען און באַלד געהט ער מיט׳ן חומר הדין, ער טרייבט זיי אַראָב מיט כח מיט דער הילף פון דער פּאָליציי, אַנ׳אַנדערט מאָל מיט ספּראָשונקעס אַזוי.

דאס ערגסטע איז, וואס דער דאָזיגער וויעטשאָרעק וויל זיך מאכען פאר א גאַנצען נאַטשעלניק, און מעגען די מאַרק־הענדלער פון אויבסט זיין אין פולשטענדיגען אָרדנונג, טשעפּעט ער זיך צו זיי און מאכט זיי דעם טויט.

די לעצטע וואָך האט דער געזונדהייטס־אַמט געמאַכט א טענה צו די אויבסט הענדלער אין מאַרק, באשר דאס, יענץ, און מען האט זיי פערטריבען פון די ביז־יעצטיגע פּלעצער. איז מען ווידער געלאָפען זיך משתדל זיין און גע׳פּועל׳ט, אַז מען זאָל זיי נישט טשעפּען און געמאכט אַלץ אין אָרדנונג. איז ווי באַלד די אויבסט־הענדלער האבען זיך לויט א פּעראָרדנונג פון מאַגיסטראַט צוריק בעוויזען אויפ׳ן מאַרק, איז שוין דאָ וויעטשאָרעק און הייסט צוריק אַראָברוימען. טענה׳ן דאָך די יודען. פּאַניע קאָכאַני, מיר האבען דאָך אַנ׳ערלויבניש פון פּאַן נאַטשעלניק. פאָר איהם אָבער פּאָר וויעטשאָרעק׳ן, איז דאס נישט קיין תירוץ און מיט א ירגזון שרייט ער אויס: פּאַן נאַטשעלניק סאָ יאָ...

ס׳וואָלט שוין לאַנג צייט געווען, אַז מען זאָל דעם שטרענגען „נאַטשעלגיק" ווייזען זיין געהעריג אָרט...

מעקלער

יודען האבען נישט קיין בעשעפטיגונג אויף די באַהנען און די גרויסע פאַבריקען. זיי זענען נישט קיין ערד־ארבייטער, מען רייסט פון זיי בהדרגה ארויס די איינגעפונדעוועטע האַנדעלס־צווייגען — האבען זיי נישט קיין אַנדערע ברירה און מוזען ווערען מעקלער.

איך וויל איצט נישט בעהאַנדלען דעם ענין פון יודישע מעקלער אַלס א פּראָבלעם, איך וויל נאָר איצט בעריהרען א פראַגע אין צוזאַמענהאַנג מיט די מעקלער, וואס פּעראורזאַכט א חלול־השם.

אין גאַס, איבערהויפּט אין דער ערשטער אַלעע, זענען פעראַנען די אַזוי־גערופענע „רופער" אָדער בעסער געזאַנט — מעקלער, וועלכע רופען און ווייזען אָן די קונים, וואו זיי זאָלען קויפען זייערע סחורות. אָט פאַר אַזאַ פּערמעקלען בעקומט דער מעקלער א 50 גראָשען אָדער, ווען די קניה איז א גרעסערע, בעקומט ער א גילדען.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז די גרויסע איינגעפיהרטע פירמעס, וועלכע האבען אַפענע געשעפטען אין גאַס אַריין נויטיגען זיך נישט אין אַזעלכע מעקלער, פערקעהרט, פאַר זיי איז דאס נאָך א שאָדען, דערפאַר אָבער שטיצען אונטער די מעקלער די סוחרים, וועלכע האבען זייערע געשעפטען אויף א הויף אָדער אין א פּריוואַטער וואוינונג.

קומען פאַר אויף דעם געביעט העסליכע סצענעס, אַזוי ווי איך האָב פריהער בעמערקט, וואס איז א גרויסער חלול־השם.

איך וועל אייך נאָר דערצעהלען וועגען איין אַזאַ סצענע, וואס איך האָב בייגעוואוינט:

עס איז געווען א פריה מאָרגען, אַרום 8 א זייגער זעה איך, ווי אַזאַ „רופער" פיהרט א פּאָליציאַנט און ווייזט איהם אָן אויף א געוועלב, וואס געפינט זיך אויפ׳ן הויף אַלעע 3. בין איך דאָך נייגעריג, וואס דאַ איז און ווער געוואויר, אַז ער פיהרט דעם פּאָליציאַנט צו מאכען א פּראָטאָקאָל א געוויסער יודישער פירמע, באשר זי האט עובר געווען אויף די פּאָליצייאישע שעה און האַנדעלט פאַר 9 א זייגער פריה. בין איך דאָך צו צו דעם יונגאַטש און איהם אויסגע׳מוסר׳ט. די שיינאַץ איינער, האָב איך צו איהם געשריגען, ווי אַזוי וואַגסטו צו מסר׳ן? זאָגט ער צו מיר: פּאַניע קאָכאַני, ווען איהר וואָלט זיך פּעראינטערעסירט אין דעם גאַנצען ענין, וואָלט איהר אויף מיר נישט ברוגז געווען, און באַלד הויבט ער מיר אָן צו דערצעהלען א גאַנצע מעשה, ווי אַזוי די זעלבע פירמע האט זיך מיט עטליכע חדשים צוריק געעפענט און זיי האבען דעמזעלבען מעקלער געבעטען, ער זאָל זיי ברענגען קונים און אַזוי ווי די קונים ווייסען שוין איצט וואוהין אַליין צו געהן, ברויכען זיי איהם נישט און טרייבען איהם ארויס. איז דאס נאָך ווייניג, ווייזען זיי אָן אויף איהם דער פּאָליציי אַלס א פערברעכער, אַלס א שעדליכען עלעמענט אַזוי. האָב איך — טענה׳ט ווייטער דער מעקלער — זיך צוריק „אַדוועטעוועט". איי איך האָב איצט נישט געריכט (ווייל די סוחר׳טע האט דעם קונה דערווייל בעהאַלטען), וועל איך זי דאס צווייטע מאָל פּאַקען. אַזעלכע חורים־שרייט ער אויס און קאָן זיך נישט בערוהיגען — מיר האבען זיי געמאַכט א פערמעגען און איצט ווילען זיי אונז דאס טרוקענע שטיקעל ברויט צונעמען.

איך ווייס נישט, ווער פון די ביידע ס׳איז גערעכט — דער סוחר צו דער מעקלער, איין זאַך איז אָבער קלאָר, אַז דאס ענין מעקלעריי איז אי נויטיג, אי שעדליך און דערווייל ווערען מיר בזוי ומבוזה און יודיש געלד געהט אין ד׳רערד אַריין.

ווייניג צרות האבען מיר, איז נאָך צוגעקומען א נייע צרה — מעקלער.

א געוואַגטער שריט

פאַר מיר ליגט א נומער צייטונג א. נ. „טשענסטאָכאָווסקיע עכאַ טינאָדניאַ" און גלויב נישט מיינע אויגען: א צייטונג, ארויסגעגעבען פון קריסטען און איהר אויפגאַבע איז — הערט און שטוינט! — בעקעמפען דעם אַנטיסעמיטיזם.

מיר לעבען אין א צייט, ווען דער אַנטיסעמיטיזם בושעוועט ווי דער ים; אַרום אונז איז האָס און שנאה, די גאַנצע לופט איז פערגיפטעט פון ווילדע אַנטיסעמיטישע באַצילען. אויב אין אַזאַ מאָמענט קומען עטליכע קריסטען און וואָגען ארויסצוגעבען א צייטונג, וואס זאָל זיך אַקעגענשטעלען דעם דאָזיגען שטראָם, איז עס ווירקליך שווער צו פערשטעהן.

אמת איז, אַז די אַנטיסעמיטישע צייטונגען אין פוילען זענען גרויס און מעכטיג, געהען ארויס אַלע טאָג און האבען א געוואַלדיגען איינפלוס אויף מיליאָנען לעזער; און זייער צאָהל איז א ריזיגע, אינדערצייט ווען די דערמאָנטע צייטונג, וואס קעמפט געגען אַנטיסעמיטיזם, איז א וואָכען־צייטונגעל און געהט ארויס איין מאָל אין דער וואָך און דערצו אין א פּראָווינץ־שטאָדט, איז קליין און האט נאָך נישט דעם געהעריגען איינפלוס. דער פאַקט אָבער, וואס אין דער איצטיגער צייט האבען זיך געקאָנט טרעפען דרייסטע מענשען, קריסטען, וואס שטעלען זיך אַקעגען דער דאָזיגער כוואַליע, איז שוין ווערט צו בענריסען.

און נאָך א זאַך, וואס גראָד אין טשענסטאָכאָוו, וואו דער קלער איז שטאַרק און דער אַנטיסעמיטיזם איז איינגעוואָרצעלט מכמה שנים, אָט פּונקט אין דער דאָזיגער שטאָדט האבען דרייסטע מענשען אָנגעהויבען ארויסצוגעבען אַזאַ צייטונג — דאס איז טאקי אין דער היינטיגער צייט א זעלטענהייט און א געוואַגטער שריט.

לויתן.

ווילונער נייעס.

שטורמישע זיצונג פון שטאדט - ראט.

די לעצטע זיצונג פון שטאדט-ראט, וועלכע איז פארגעקומען פערג. מיטוואך 7.45 אווענד איז אויסגעפאלען זעהר שטורמיש. דעם שטורם האט ארויסגערופען דער 4-טער פונקט פון טאג-ארדנונג וועגען אויפשטעלען די פעברענטע סטאדאלעס.

דער ערשטער פונקט פון טאג-ארדנונג איז געווען וועגען עסטעטישען אויסזעהען פון דער שטאדט און עס זענען אנגענומען געווארען א גאנצע רייהע פארשריפטען, ווי: ביי שכנה'שע הייזער מוז איין באלקאן זיין אבגערוקט פון צווייטען מיגימום 10 מעטער, ליכט רעקלאמעס קענען נאר א האלב מעטער ארויסשטייגען אין גאס אריין א. ד. גל.

דער צווייטער פונקט זאגט וועגען סאניטארער ארדנונג, וועגען צופאסען זיך צום סאניטאר-רעגולאמין פון דער וואיעוואודזטווע, וועלכער זעהט פאר א גאנצע רייהע גזירות פאר די ווירטסלייט, ווי: די קלאזעטען און שמיעטניקעס מוזען זיין געמויערטע, ציכטיג און ליכטיג אויף די טרעפען מיט שפייקעסטלעך אויף יעדען שטאק, אויך די שטיגען אין קעלער אריין מוזען זיין בעלויכטען. אויף יעדען הויף מוז זיך געפונען א ספעציעל געשטעל צו ליפטערן בעטגעוואנד און מלבישים. ליפטערן מעג מען נאר ביז 9 פריה. קלאזעטען מעגען ווערען גערייניגט נאר אין די שעה'ן פון 12 ביז 4 ביינאכט א. ד. גל.

עס איז דאן בעשטעטיגט געווארען די הלואה פון 10.000 זל. צו פערגרעסערען די עלעקטראווניע (דער בוי ווערט שוין אויסגעפערטיגט. דער בוי מיט די מכשירים וועט אריינכאפען 34.000 זל., די בוי 8.000 זל., די לאקאמאביל 20.000 זל. און אנ'אפאראט צו פערטיילען די ליכט 6.000 זל.)

עס קומט דאן צום 4 טען פונקט – וועגען די סטאדאלעס. עס ווערט פארגעלעזען דער בעשלוס פון מאגיסטראט נישט צו ערלויבען צוריק אויפצובויען די פערברענטע סטאדאלעס צוליעב דעם ווייל ס'איז אין מיטען דער שטאדט. דא טרעטען שארף ארויס די ענדעקישע ראטמענער טשערקאש און נאפיעריי געגען דעם נישט-דערלאזען אויפצובויען. דאס איז „קאמונא" (ענטאייגענונג פון פריוואט-אייגענטום) — שרייט אויס נאפיעריי.

עס ענטפערען זיי שארף די סאנאציע-ראטמענער, צווישען זיי קושמערעק, וועלכער זאגט צו נאפיערייען: „איך בין פריהער געווען פאטריאט ווי דו א גוטער פאלאק!" עס ענטשטעהט א גרויסער אויפברויז און ס'האט אויסגעזעהן, אז עס וועט דערגעהן צו געשלעגען. עס הערען זיך אויסגעשרייען פון דער גאלעריע: מען דארף די ענדעקעס אויסשיסען ווי די הונד! אויף אונז שרייען זיי קאמוניסטען? מיר טראגען פערדינסט-קרייצען אויף דער ברוסט! א. ד. גל. נאך א צוויי-שעה'דיגען קאנפליקט, ווערען ענדליך בערוהיגט די געמיטער און מיט 10 שטימען געגען 7 ווערט דער פראיעקט פון מאגיסטראט אנגענומען.

דערנאך גיט אב דער בירגערמייסטער יענדזשעיעווסקי א בעריכט וועגען די ווייטערע ארבייטס-פלענער, ווי: קאנאליזירען די גאנצע שטאדט, אויסבויען 10 רעזערוואווארען אויפ'ן פאל פון א שרפה.

האלב צוועלף ביינאכט האט זיך ענדליך די זיצונג געענדיגט.

א פרוי מיט איהר געליבטען דערהרג'נען דעם מאן.

זיי בעקומען אלס „בעלוינונג" 22 יאהר תפיסה.

מאנטאג האט דאס קרייז-געריכט פון קאליש אויף זיין סעסיע אין ווילעלון, ביי א ריכטער-קאמפלעט פון 3 ריכטער בעטראכט די אנקלאגע פון די פראקוראטור געגען לעאן שיוועק פון דארף אויגוסטינאוו, 27 יאהר אלט, און וואלעריא נאווראצקא 37 יאהר אלט.

דער בעשולדיגונגס אקט דערצעהלט וועגען זעהר א שרעקליכער מארד-געשיכטע, וועלכע שטעלט זיך פאר פאלגענד: וולאדיסלאוו נאווראצקי, 42 י. אלט, איז א לענגערע צייט געווען אויף ארבייט אין פראנקרייך, איבערלאזענדיג אין דערהיים, אין דארף אויגוסטינאוו, זיין ווייבעל וואלעריאנא. דאס ווייבעל האט זיך דערווייל פערשאפט א געליבטען דעם יונגען שגץ לעאן שיוועק, מיט וועלכען זי האט געלעבט א גוטען טאג פאר דעם געלד, וואס דער מאן האט איהר געשיקט, וואס ער האט נאר ענטווערט פון דער שווערער ארבייט.

ריכטענדיג זיך, אז דער מאן דארף אהיימקומען; האט דאס „געטרייע" ווייבעל צוגעטראכט א פלאן ווי אזוי דעם מאן אראבצורוימען, כדי צו קענען חתונה האבען מיט'ן געליבטען און אין דעם טייוולאנישען פלאן מיט אריינגעצויגען דעם געליבטען.

אין א געוויסען אווענד האט דאס ווייבעל צוגעגרייט דעם מאן א פיינע וויעטשערע און איהם דאן פערבעטען צו מאכען א שפאציר אין וואלד אריין, דער מאן האט גערן אנגענומען דעם אידילישען פארשלאג פון זיין גוטהערציג ווייבעל און קומענדיג אין וואלד אריין איז פון א בעהעלטעניש ארויסגעשפרינגען דער געליבטער שיוועק, וועלכער האט נאווראצקי'ן צוערשט דערשטיקט מיט די הענד און איהם אלס צולאג געגערען עטליכע טויטשטעך.

אבטהוענדיג דאס „דעליקאטע" שטיקעל ארבייט איז זיך דאס פארל צוגאנגען, יעדער אין זיין היים אריין, כדי נישט ארויסצורופען קיין פערדאכט און דאס ווייבל איז צומארגענס אריינגעפאהרען נאך לוטוטאוו, וואו זי האט געמאלדען אין פאליציי-אמט, דאס זי איז זעהר בעאונרוהיגט, וואס דער מאן איז נאכדעם ווי ער האט זיך מיט איהר איבערווערטעלט ערגיץ אוועק און איז מעהר נישט צוריקגעקומען.

די פאליציי האט, נאכדעם ווי זי האט דעם הרוג געפונען, געפאלען אויף די אמת'ע שפורען פון די מערדער, וועלכע זי האט גענומען אויף א שארפען קרייץ-פערהער און די לייט האבען זיך מודה געווען אין זייער פערברעכען.

פאר'ן געריכט האבען זיך ביידע בעקענט צום פערברעכען און דאס געריכט האט ארויסגעטראגען דעם אורטייל פערמשפטנדיג שיוועק'ן אויף 12 יאהר תפיסה און נאווראצקא — 10 יאהר תפיסה, אויסער דעם אנווערן די רעכט אויף 10 יאהר.

אויסהערענדיג דעם אורטייל איז דער פערמשפטער שיוועק געפאלען אין חלשות.

געוועהלט די פערוואלטונג פון דער קהלה.

מיטוואך 8 אווענד איז אין דער אנוועזענהייט פון אלע 17 ראטמענער און פון פארשטעהער פון סטאראסטווא ה' האשצינסקי פארגעקומען די וואהלען פון דער קהלה-פערוואלטונג מיט פאלגענדען רעזולטאט.

ליסטע נר. 1 האט בעקומען 5 שטימען – 2 מאנדאטען: יוסף יונג און הענאך קאמיאנער. ליסטע נר. 2 – 2 שטימען – 1 מאנדאט: מרדכי מארקוס. ליסטע נר. 3 – 4 שטימען – 2 מאנדאטען: אהרן לייב ארנאוויטש און אשר מענדלעוויטש. ליסטע נר. 4 – 4 שטימען – 2 מאנדאטען: אברהם בעסער און אברהם יצחק לעווקאוויטש. ליסטע נר. 5 – 2 שטימען – 1 מאנדאט: וואלף לעווקאוויטש.

פערטרעטער: פון דער ליסטע נר. 1 אליעזר בערקאוויטש און משה קאמיאנער. פון נר. 2 – פרענקעל. פון נר. 3 – שמשון קאהן און משה קאניארסקי. פון נר. 4 – מ. לאריא און בנימין ווארשאווסקי. פון נר. 5 – זעליג צינצינאטוס.

אויפ'ן ארט פון אבטרעטענדען פון ראט יוסף יונג איז אריין שמואל שאיא. אויפ'ן ארט פון אברהם בעסער— חיים באבראווסקי.

טשענסטאכאווער נייעס.

ש. פראנק

א דעמב איז געפאלען

(צו די שלושים פון אברהם דזיאלאווסקי ז"ל)

ווער האט זיך געקאנט ריכטען, אז אברהם דזיאלאווסקי, וואס איז געווען דער פיהרער פון היגען האנדווערקער-פערבאנד, אז אט דער ערליכער און אויפריכטיגער וועט אין מיטען בליהען פאלען.

ווער ס'האט זיך פעראינטערעסירט נעהנטער מיט דער היגער האנדווערקער-ארגאניזאציע, דער ווייסט, אז אויב די האנדווערקער - ארגאניזאציע האט טראץ די פערשידענע מהלוקת'ן, חלוקי דעות און מיספערשטענדניסען, וואס זענען פארגעקומען ביי פערשידענע פאליטישע אקציעס, דאך געבילדעט אנ'איינהייטליכע דיסציפלינירטע מאסע, איז עס געווען א דאנק אברהם דזיאלאווסקי, וועלכער האט מיט זיך פארגעשטעלט דעם געזונדען דעמב, וועלכער האט געשלאגען אין דער ערד טיפע ווארצלען און מיט זיינע צווייגען האט ער אלעמען בעשיצט.

ס'וועט נישט זיין קיין מליצה, ווען מען וועט זאגען, אז דער נפטר איז געווען די נשמה פון דער בעוועגונג, אז ער האט ווי א טרייער שומר געוואכט איבער אלע אינטערעסען, וואס האבען געהאט א שייכות צום האנדווערקער-פערבאנד; ער האט ווי א טרייע מוטער אוועקגעקוקט אויף די חסרונות פון איהר קינד און עס געלאשטשעט און אבגעהיטען.

יעדעס מאל, ווען ס'האט געדראהט דער ארגאניזאציע א געפאהר, האבען זיך אלעמענס אויגען געווענדעט צו דזיאלאווסקי'ן, אזוי ווי די יודען אמאל אין דער מדבר צום נחש הקדמוני, און זיי זענען געווען זיכער, אז ער וועט זיי מציל זיין.

אברהם דזיאלאווסקי איז געווען דער עמוד התוך פון דער ארגאניזאציע. אליין נישט פערזארגט מיט קיין פרנסה, ארבייטענדיג שווער אויפ'ן שטיקעל ברויט, האט ער אבער אויף קיין איין מינוט נישט מסיח-דעת-געווען פון זיין ליבלינגס-ווערק, וואס רופט זיך האנדווערקער-ארגאניזאציע. און כמעט טאגטעגליך איז ער פון דער ארבייט גלייך אוועק אין דער ארגאניזאציע, אבזיצענדיג דארט ביז שפעט אין דער נאכט, און ווען ער איז אהיימגעגאנגען האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט נאך נישט געגעסען קיין אווענד-ברויט און אז ער האט אויך נישט אנגעגרייט קיין פאר גראשען צומארגענס אויף פרנסה.

געוועהנליך זאגט מען, אז קיין שום קאלעקטיוו קאן נישט זיין אבהענגיג פון קיין יחיד, און אויב איינער געהט אוועק, איז דא א צווייטער, וועלכער פערטרעט איהם. דא אין דעם פאל איז עס א'נאויסנאהם — אברהם דזיאלאווסקי'ן וועט קיינער נישט פערטרעטען, ווייל אזעלכע יחידים געפונען זיך נישט אזוי שנעל.

עס זענען נאך נישט אוועק קיין פיער וואכען זייט אברהם דזיאלאווסקי לעבט נישט און עס לאזט זיך שוין פיהלען אז ער פעהלט...

די צארטע נשמה פון אברהם דזיאלאווסקי איז אויסגעלאשען געווארען און דערמיט איז אויך טונקעלער און קעלטער געווארען אין דער בעוועגונג.

א שטארקער דעמב האט געלעבט און געווירקט, געווארימט און בעלויכטען דאס יודישע האנדווערקער-לעבען ביי אונז אין שטאדט און אין מיטען פון א פינסטערער נאכט איז דאס ליכט אויסגעלאשען געווארען און עס איז אונטערגעבראכען א הערליך שעהן לעבען.

א גרויסער שטארקער דעמב איז געפאלען.

די אקציע פון ווינטער-הילף פאר ארבייטסלאזע.

אין מאגיסטראט איז אונטער'ן פארזיץ פון פרעזידענט מאטאל פארגעקומען די ערשטע פערזאמלונג פון בירגערליכען קאמיטעט צו העלפען די ארבייטסלאזע.

צוליב דער אנגעשטרענגטער ארבייט, וואס פ'ערווארט דעם פארזיצער, האט ער זיך גענומען צו-הילף דעם דעפוטאט קאבילעצקי.

נאכ'ן ענטגילטיגען קאנסטיטואירען זיך פון אויספיהר-קאמיטעט, האבען די פארשטעהער פון אינדוסטריע האנדעל, מלאכה און אנדערע פאכען פארגעלעזען דעם פראיעקט פון בעשטייערען זיך לטובת די ארבייטסלאזע.

די גרויס-אינדוסטריע האט דעקלארירט 1 פראצענט פון ארבייטס לוין, וואס ס'מאכט אויס אין משך פון 6 חדשים אנ'ערך 120.000 זל., ד.ה. א העלפט פון דער סומע, אויף וועלכער ס'איז בערעכענט די הילף פאר די ארבייטסלאזע. דאס סוחר'טום און האנדווערק האט בעשלאסען זיך צו בעשטייערען אין דער הויך פון 15 פראצענט אלס צוגאבע צו די פאטענטען. ס'איז פערהאן אויך א פארשלאג צו בעשטייערען אלע קאנסומענטען פון עלעקטרישען שטראם אין דער הויך פון 1 פראצענט פון די רעכנונגען פאר בענוצען שטראם און אויך צו בעשטייערען די אונבעוועגליכע גיטער.

די סעקציע פון די פיזישע ארבייטער האט בעשלאסען זיך צו בעשטייערען אין דער הויך פון א האלבען פראצענט ביי פערדיגסטען פון איבער 105 זל. א חודש.

צום סוף איז בעשלאסען געווארען יעדען חודש אייגצוארדנען זאמלונגען לטובת די ארבייטסלאזע. די ערשטע זאמלונג וועט פארקומען דעם 8-טען נאוועמבער.

אבגעלעגט דער עקסמיסיע-פראצעס פון ה' גאנזווא געגען דער חברה-קדישא און תומכי-עניים.

ווי אונזערע לעזער איז בעקאנט, איז אויף נעכטען פריה געווען בעשטימט דער פראצעס, וואס דער בעל-הבית און חברה-קדישא-מאן ה' גאנזווא האט פערפיהרט וועגען ארויסבעקומען אנ'עקסמיסיע אויף דער חברה-קדישא און „תומכי עניים" פון זיין הויז אויף בערקא יאסעלעוויטשא 5.

באלד ביים אנהויב פון פראצעס איז די פערטיידיגונג פון די פעראינטערעסירטע חברות, די אדוואקאטען: קרויסקאפ און גיטלער, ארויסגעטרעטען מיט דער בקשה ארויסצורופען א רייהע עדות, וועלכע דארפען אבווארפען די גרונדלאזע טענות פון ה' גאנזווא.

דאס געריכט האט גענומען אין אכט די בקשה פון דער פערטיידיגונג און דעם פראצעס אבגעלעגט אויף א צווייטען טערמין.

גראנדיעזער ערפאלג פון יודישען פילם „יודעל מיט'ן פידעל" אין קינא „עדען".

זינט דינסטאג ווערט דעמאנסטרירט אין קינא „עדען" דער בעוואוסטער פוילישער פילם אין דער יודישער שפראך „יודעל מיט'ן פידעל" מיט דער בעריהמטער אמעריקאנער יודישער קינסטלערין מאלי פיקאן אין דער שפיץ.

אויסערדעם נעמען אנטייל אין די הויפט ראלען די בעקאנטע יודישע ארטיסטען: מ. באזשיק, ש. פאסטעל, ל. ליבגאלד, ד. פאקעל, ש. נאטאן, מ. לאנדוי, א. קוץ, מ. ברין, ח. לעווין, ב. ליבגאלד א. א.

דעם סצענאר האט אנגעשריבען דער בעוואוסטער סצענאר-שרייבער קאנראד טאם, רעזשי י. גרין און י. פשיבילסקי, מוזיק פון א. עלשטיין און די לידער פון בעוואוסטען פאעט י. מאנגער.

דער דאזיגער פילם איז ערשטקלאסיג געמאכט און האט דעריבער א קאלאסאלען ערפאלג אין אלע קינא'ס אין פוילען, וואו ער ווערט געוויזען.

אויך ביי אונז אין טשענסטאכאוו הייט דער פילם ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג און דער קינא „עדען" ווערט יעדען טאג שטארק בעזוכט פון דעם יודישען טעאטער-עולם, וועלכע זענען ענטציקט פון דעם וואונדערבארען פילם.

פערזענליכעס

אין אונזער שטאדט דאט זיך בעזעצט אויף ב. יאסעלעוויטשא 15 דר. בלומענפעלד, ספעציאליסט פון אינערליכע קראנקהייטען. ביז איצט האט ער נעארבייט אין פאזנאנסקי'ס שפיטאל אונטער דער לייטונג פון בעקאנטען אינטערניסט דר. שיפמאן.

קאנקורס פון געוועלב-שוי-פענסטער.

די האנדעלס-קאמער אין סאסנאוויץ ארדענט איין אין די טעג פון 22 ביז'ן 29 נאוועמבער ה. י. א קאנקורס אויף דעם אמבעסטען און עסטעטיש איינגעארדענטען געוועלב-שוי-פענסטער.

דער דאזיגער קאנקורס ווערט איינגעארדענט אין די שטעדט: טשענסטאכאוו, סאסנאוויץ, בענדין, דאמבראווע, קעלץ און ראדאם.

אינ'ם קאנקורס קענען אנטייל נעמען אלע האנדעלס אונטערנעהמונגען פון די דערמאנטע שטעדט נאך א פריהערדיגען שריפטליכען אדער מונדליכען אנמעלדען זייער אנטייל אין געהעריגען קאמיטעט. ווי אויך נאכ'ן איינצאהלען דעם איינמאליגען אבצאהל פון 5 זלאטעס.

פון ארבייטס-אינספעקטאראט.

קיין טשענסטאכאוו איז אנגעקומען דער ניי-נאמינירטער וויצע - ארבייטס-אינספעקטאר אינזש. גוסטאוו האפמאן. וועלכער האט שוין איבערגענומען זיין אמט. אינזש. האפמאן איז געווען ביז איצט וויצע אינספעקטאר אין לאדז.

ליקווידירט דעם שטרייק אין דער פאבריק „ספינקס".

נעכטען איז אויף א גינסטיגען אופן ליקווידירט געווארען דער אקופאציע-שטרייק אין דער עמאליר - פאבריק „ספינקס" אין פאריי. דער אקופאציע-שטרייק האט געדויערט אנ'ערך 2 וואכען. נאכ'ן בעקומען א הוספה זענען די ארבייטער צוריק צוגעטרעטען צו דער ארבייט.

די דינסטאג׳דיגע וואהלען פון די קהלה=פרעזידיומס.

עטליכע מינוט נאך האלב 9 אין אוונט עפענט ביי דער אנוועזענהייט פון 17 פרנסים פרעזעס ראזענבערג די זיצונג פון ראט און ערקלערט, אז אויפ׳ן טאג-ארדנונג איז פערהאנען איין פונקט: וואהלען פון א פרעזידיום.

איידער מען טרעט צו צו די וואהלען קומט אן צו געהן דער 18-טער פרנס ה׳ נאטאן קאהן, וועלכער בעט, אז היות ער איז שווער קראנק, ווייל ער אבשטימען, ווייל ער מוז תיכף אוועקפאהרען...

די וואהלען גיבען פאלגענדען רעזולטאט: פאר׳ן אדוואקאט קאנארסקי זענען אבגעגעבען געווארען 10 שטימען און פאר׳ן ה׳ ח. וועקסלער 8 שטימען, אזוי אז אלס פרעזעס פון ראט איז אויסגעוועהלט געווארען אדוו. מ. קאנארסקי.

פרנס יאראנאווסקי („בונד") גיט אב אנ׳ערקלערונג, אז זיין פראקציע האט געשטימט פאר דער קאנדידאטור פון ה׳ קאנארסקי דערפאר, ווייל ער געהערט צו א דעמאקראטישער ריכטונג, בעת דער געגען קאנדידאט געהער צו א קלעריקאלער ריכטונג. דערביי ערקלערט דער בונדישער פארשטעהער, אז זיין פראקציע איז נישט פעראנטווארטליך פאר דער טעטיגקייט פון ראט-פרעזידיום. אלס וויצע-פרעזעס פון ראט ווערט מיט 8 שטימען געגען 7 ווייסע צעטלעך און 2 אבגעהאלטענע געוועהלט ה׳ שמואל זעלינגער (פילצער).

פרנס יאראנאווסקי גיט דאן פאלגענדען דרינגענדען פארשלאג:

„צוליב דער אלק וואקסענדער נויט און הונגער צווישען דער יודישער בעפעלקערונג בכלל און ארימע ארבייטער און פאלקס-מאסען בפרט און אין צוזאמענהאנג מיט׳ן דערנעהנטערן זיך פון ווינטער און נויטיגקייט צו פיהרען א א הילפס-אקציע, בעשליסט דער ראט פון דער יודישער קהלה אויפצופאדערן די קהלה-פערוואלטונג תיכף אונטערצונעמען שריט דורכצופיהרען א ברייטע הילפס-אקציע לטובת דער ארימער יודישער בעפעלקערונג אין דער פארם פון פונאנדערטיילען קויהלען, געלד מיטלען און אנדערע זאכען פון ערשטען געברויך".

דערויף ערקלערט פרעזעס ראזענבערג, אז היות דער ראט קען נאך לויט׳ן געזעץ נישט אנפיה׳ען קיין טעטיגקייט, וועט ער אלס פערוואלטונגס פרעזעס בעהאנדלען דעם דאזיגען פארשלאג אויף א פערוואלטונגס זיצונג.

דערמיט איז געשלאסען געווארען די ראט-זיצונג.

נאך 9 א זייגער עפענט פרעזעס ראזענבערג אין דער אנוועזענהייט פון 12 דאזאראס די זיצונג פון דער פערוואלטונג און ערקלערט, אז אויפ׳ן טאג-ארדנונג געפינט זיך דער פונקט: וואהלען פון פרעזידיום. דערביי ערקלערט ער, אז אויפ׳ן ארט פון ה׳ עדעליסט, וועלכער האט רעזיגנירט, איז אריין אין דער פערוואלטונג ה׳ מ. פאגעל.

אויפ׳ן פארשלאג פון ה׳ ד״ר בראם ווערט אדורכגעלעזען דער פראטאקאל פון דער וואהל-קאמיסיע וועגען ענין עדעליסט-פאגעל.

די וואהלען, וועלכע זענען דאן פארגעקומען האבען געגעבען פאלגענדען רעזולטאט: פרעזעס ראזענבערג האט בעקומען 7 שטימען, ה׳ גאלדשטיין — 2 שטימען, ה׳ פאגעל — 1 שטים און 2 ווייסע צעטלעך.

ביי די וואהלען פון וויצע-פרעזעסען האבען בעקומען די ה״ה מ. פאגעל און ב. געווערצמאן צו 5 שטימען און 2 ווייסע צעטלעך. ס׳איז דעריבער פארגעקומען א גורל צווישען ביידע קאנדידאטען און זוכה בגורל געווען האט ה׳ געווערצמאן.

פרעזעס ראזענבערג ערקלערט דאן, אז ער נעמט נישט אן דעם אמט אלס פרעזעס.

די דאזיגע ערקלערונג מאכט אויפ׳ן פערזאמעלטען עולם א אויסערגעוועהנליכען איינדרוק.

דאס ווארט נעמט דאן דאזאר קלין („בונד"), וועלכער רעדט וועגען דער שווערער לאגע פון די יודישע הארעפאשנע מאסען און בהלה-שטימונג, וואס ווערט ארויסגערופען אין צוזאמענהאנג מיט די פערשידענע „עוואקואציע"-און „עמיגראציע"-פלענער און טראגט אריין פאלגענדע רעזאלוציע:

„בעקענענדיג זיך מיט דער שווערער נויט-לאגע און רעכטלאזיגקייט פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען צוליב דער באיקאט און אויסראטונגס פאליטיק דריקט די קהלה-פערוואלטונג אין טשענסטאכאוו אויס איהר פראטעסט געגען דער לאגע און געגען די, וועלכע ברענגען דערצו ווי אויך געגען די וואס נוצען אויס דעם צושטאנד און זייהען בהלה-שטימונגען צווישען דער בעפעלקערונג און פאדערט פולע גלייכבערעכטיגונג, רעכט אויף ארבייט און לעבען פון די יודישע מאסען אין פוילען".

די דאזיגע רעזאלוציע איז איינשטימיג אנגענומען געווארען און דערמיט איז די זיצונג געשלאסען געווארען.

וואיעוואדישער צוזאמענפאהר וועגען דער אקציע פאר ווינטער-הילף.

מיטוואך איז אין קעלץ, אונטער׳ן פארזיץ פון וואיעוואדע דזיאדאש, פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון מעהרערע געזעלשאפטליכע טוער פון דער קעלצער וואיעוואדזשאפט אין צוזאמענהאנג מיט דער ווינטער-הילפס אקציע פאר ארבייטסלאזע.

לויט דער ערקלערונג פון וואיעוואדע דארף אין דער קעלצער וואיעוואדזשאפט געזאמעלט ווערען 4 מיליאן זלאטעס. די רעגירונג וועט אויף דער זעלבער אקציע אויך געבען 2 מיליאן זל.

נאכ׳ן אננעמען ענטשפרעכענדע בעשלוסען איז דער צוזאמענפאהר געשלאסען געווארען.

אינ׳ם דאזיגען צוזאמענפאהר האבען זיך בעטייליגט צוויי יודען: דער טשענסטאכאווער קהלה פרעזעס יעקב ראזענבערג און דער סעקרעטאר פון דער קעלצער קהלה ב. סאקאלאווסקי.

פון טשענסטאכאוו זענען חוץ דעם געוועזען: פרעזידענט מאטאל, פרעזעס פון ז.ז.ז. יארמולאוויטש א.א.

דער ענדעקישער ראטמענער = קלוב אויף דער בעשולדיגונגס = באנק.

דאס קרייז-געריכט האט בעטראכט דעם פראצעס פון 10 מיטגלידער פון ענדעקישען ראטמענער-קלוב מיט׳ן פארזיצענדען ע. זאזשעצקי אין דער שפיץ. אויף דער בעשולדיגונגס באנק זענען אויסער זאזשעצקי׳ן געזעסען: בלאכניצקי, סטודניצקי, סטישינסקי, טשעלאנעק, אדוו. קולעי, פרוי מיעטשניק, גליצע, רוטקאווסקי און דעסקא. אלע זענען זיי געווארען אנגעקלאגט לויט׳ן ארט. 170 פון שטראף קאדעקס פאר פערשפרייטען פאלשע ידיעות, וואס קענען ארויסרופען עפענטליכען אומרוה.

געשעהן איז דאס דעם 6 אפריל ה.י. אויף דער ערשטער זיצונג פון שטאדט-ראט, וועלכע ס׳האט צונויפגערופען און אויך געפיהרט דער ניי-נאמינירטער צייטווייליגער שטאדט - פרעזידענט ה׳ מאטאל.

דער ענדעקישער ראטמענער קלוב האט דאמאלס בעריהרט די פאסירונגען פאר׳ן בנין פון ארבייטס-פאנד און ארויסגעטרעטען מיט א דעקלאראציע, וועלכע ס׳האט אין נאמען פון קאלא פארגעלעזען ר. סטודניצקי. דאס לייענען פון דער דאזיגער דעקלאראציע איז פיעל מאל איבערגעריסען געווארען דורכ׳ן שטאדט פרעזידענט און ר. סטודניצקי איז איינינגע מאל גערופען געווארען צו ארדנונג.

פרעזידענט מאטאל האט די ענדעקישע דעקלאראציע צוגענומען מיט א רייהע אנדערע דאקומענטען און מאטעריאלען, וואס האבען געהאט א שייכות מיט דער שטורמישער זיצונג פון שטאדט-ראט און איבערגעשיקט צום וואיעוואדישען אמט קיין קעלץ, אלס אויפזיכטס מאכט. די וואיעוואדשאפט ווידער האט עס איבערגעשיקט צו דער פראקוראטור, וועלכע האט די שולדיגע צוגעצויגען צו פעראנטווארטליכקייט לויט׳ן ארט. 170 פון שטראף קאדעקס.

דער בעשולדיגונגס-אקט האט בעזונדער אונטערגעשטראכען פאלגענדע פראגמענטען פון דער דעקלאראציע: „די גאנצע חכמה פון פיהרען מיט׳ן מלוכה רודער שטיצט זיך אויפ׳ן גראנאטענעם מונדיר", ווי אויך „מיט דראהונגען פערזיכערן זיי זיך די מאכט און לאנד".

דעם פראצעס האט בעטראכט ריכטער ראזמאניט. אלס פערטיידיגער זענען ארויסגעטרעטען די אדוואקאטען: זאוואדזקי און פלעבאנעק.

דער אינטערעסאנטסטער מאמענט פון דער פערהאנדלונג איז געוועזען די עדות-ערקלערונג פון שטאדט-פרעזידענט ה׳ מאטאל, וועלכער האט דערצעהלט די מאטיוון פון איבעררייסען די שטאדט-ראט-זיצונג. בנוגע דער דעקלאראציע גופא איז די מייגונג פון שטאדט-פרעזידענט, אז זי האט ענטהאלטען אנפאלען אויפ׳ן פוילישען ווירטשאפטליכען בלאק, פ.פ.ס. און אויף די יודען.

די פערטיידיגונג האט געטענה׳ט, אז זי זעהט נישט קיין גענוגענדע סיבות צו דער אנקלאגע לויט׳ן ארט. 170 פון שטראף-קאדעקס, ווייל די דעקלאראציע איז געווען געווענדען געגען די פאליטישע פארטייען פ.פ.ס. און ב.ב.וו.ר. און נישט געגען דער רעגירונג.

דאס געריכט האט ארויסגעטראגען אנ׳אורטייל, לויט וועלכען אלע אנגעקלאגטע זענען געווארען פרייגעשפראכען. אין די מאטיוון האט דאס געריכט אונטערגעשטראכען, אז די דעקלאראציע האט נור געטראגען דעם כאראקטער פון א מאכטלאזער מאניפעסטאציע פון דער אפאזיציאנעלער גרופע.

דער אפעלאציע-פראצעס וועגען די אנטי - יודישע געשעהענישען אין קלאבוצק.

דעם 30-טען אקטאבער וועט דאס אפעלאציע געריכט אין ווארשא בעטראכטען דעם פראצעס פון 5 קלאבוצקער נאראדאוועס, וועלכע האבען דעם 27 יאנואר ה. י. אנטייל גענומען אין די אנטי-יודישע ארויסטרעטונגען אין קלאבוצק.

די ערשטע אינסטאנץ האט די דאזיגע אנגעקלאגטע פער׳משפט צו 6 און 8 חדשים תפיסה און אויך צוגעמשפט א טייל פון דער יודישער ציוויל-תביעה.

רבקה גאנצווייך ז״ל

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז דעם לעצטען דינסטאג אין עלטער פון 60 יאהר געשטארבען איינע פון די חשוב׳סטע פרויען אין אונזער שטאדט, רבקה גאנצווייך ז״ל.

די פערשטארבענע איז געווען די איינציגע טאכטער פון דעם אנגעזעהענעם און מיוחס׳דיגען טשענסטאכאווער בעל-הבית פון אלטען דור ר׳ הענעך יעזאווער ז״ל און גע׳שמ׳ט אלס איידעלע און קלוגע פרוי, בעלת צדקה און צנועה אין בעסטען זין פון ווארט.

געטראפען פון שווערען ווירטשאפטליכען קריזיס און בעזונדערס דורך די פאלגען פון דער גרויסער וועלט-מלחמה (איהר מאן, ר׳ הירשל גאנצווייך, שטאמט אליין פון גרויסען רבנ׳ישען יחוס, האט אלס רוסישער ארמעע-ליפעראנט מיטגעמאכט אלע שוידערליכקייטען פון דער וועלט שחיטה און רעוואלוציע שטורם אין רוסלאנד) איז איהר הויז שטארק רואינירט געווארען און כמעט אלע קינדער האבען אויסגעוואנדערט קיין אויסטראליען, וואוהין אויך די פערשטארבענע האט בקרוב געזאלט ארויספאהרען. דער אונברחמנות׳דיגער טויט האט זי אבער פריהער ארויסגעריסען פון איהרע נאהנטסטע.

דער טויט פון רבקה (ריווטשע) גאנצווייך ז״ל האט ביי אלע די, וואס האבען זי געקאנט, ארויסגערופען אנ׳אויפריכטיגען טרויער און געמאכט זעהר א שווערען רושם.

עהרע איהר אנדענקען!

תנצב״ה.

— Kino „EDEN" —

היינט - פילם אין יודישער שפראך

יודל מיט׳ן פידל

די געשיכטע פון א מיידעל פון פאלק, וואס ווערט א גרויסע ארטיסטין.
די אויפנאהמען זענען געמאכט געווארען אין קאזשימיעזש, גדיניע א. א.

אין די הויפט - ראלען:

די גרעסטע, וועלט בעריהמטע יודישע שוישפילערין מאלי פיקאן,

ש. פאסטעל, באזשיק, לאנדוי, א. קורץ, מאקס בריז, ליבגאלד א. א.

די גאנצע ווארשאווער פרעסע האט איינשטימיג ארויסגעזאגט:

„אזא אויסגעצייכענטער פילם איז נאך נישט געוועזען".

בעמערקונג: שבת 12^{30} מיטאג אנהויב פון 1-טען סעאנס.

פאר ערמארדען א שטיף - טאכטער בעקומען 12 יאהר תפיסה.

וולאדזשימיעזש מארקיעוויטש, 38 יאהר אלט פון דארף סאקאלוב האט חתונה געהאט מיט אנ׳אלמנה קארטעוואסקא, וועלכע האט געהאט א אדאפטירטע 20 יעהריגע טאכטער, א געוויסע אירענא פון מאן נאוואק, וועלכע האט געהאט א פערמעגען פערשריבען אויף איהר נאמען.

מארקיעוויטש האט געהאט א טענה צו דעם פערמעגען און אויף דעם געביעט זענען ענטשטאנען שטארקע מחלוקת׳ן.

אין א געוויסען טאג, דעם 22 מאי איז ער אריינגפאלען צו די נאוואק און זי מיט א טאשענמעסער דערשטאכען צום טויט און דאן זיך איבערגעגעבען דער פאליציי.

דינסטאג איז פארגעקומען דער פראצעס. מארקיעוויטש האט זיך פערטיידיגט, אז ער איז געוועזען שכור. דאס געריכט האט איהם פער׳משפט אויף 12 יאהר תפיסה און 10 יאהר צו פערלירען די רעכט.

פון ספארט

סאסנאוויץ — טשענסטאכאוו.

דעם קומענדען זונטאג, דעם 25-טען ד. ח. 8 א זייגער אוונט קומט פאר אין זאל פון „מכבי", קאטעדראלנא 13, דער ערשטער אין היי יעהריגען סעזאן, אטראקציאנעלער באקסער-מעטש צווישען די רעפרעזענטאנצען פון סאסנאוויץ און טשענסטאכאוו.

דער דאזיגער מעטש האט אין אונזער שטאדט ארויסגערופען א פערשטענדליכען אינטערעס, ווייל סאסנאוויץ איז איינע פון די שטארקסטע באקסער-רעפרעזענטאנצען אין שלעזיען, דאגעגען די היגע באקסער וועלען מיר ערשט זעהען צום ערשטען מאל היי-יאהר אינ׳ם רינג. זיי זענען אבער בעפרידיגענד צוגעגרייט.

סאסנאוויץ, וועלכע גרייט זיך שטארק צום מעטש שיקט ארויס געגען טשענסטאכאוו די באקסער: וואלעק, לייזארגען, וועלגרין, רענדזשאק, מושאל, די ברידער באנאך און מאשקאוויטש, וועלכע טשענסטאכאוו שטעלט אקעגען: זעליגמאנ׳ען, כוואט, פרימוס, ווינדמאן, גראנעק, ווארוואס, בעצלער און קובאנסקי.

ס׳איז שווער פארצוזעהען דעם רעזולטאט פון מעטש.

פון דער פינג-פאנג-סעקציע ביים „מכבי".

די פינג פאנג סעקציע פון „מכבי", ווייזט ארויס אין צוזאמענהאנג מיט׳ן דערנעהנטערגדען זיך ווינטער-סעזאן א לעבהאפטע טעטיגקייט. עס ווערט זיי ערמעגליכט דער אינטענסיווסטער טרענינג, דורך אבגעבען אזש 3 טישען אויפ׳ן זאל, וואס זענען טעטיג שוין פון 2 נאכמיטאג.

די מכבי-רעפרעזענטאנטען געפינען זיך דעריבער אין אנ׳אויסגעצייכענטער פארם, וואס ס׳בעווייזט דער רעזולטאט פונ׳ם מעטש מיט דער מאנשאפט פון פאבריקס ספארט-קלוב „ווארטא", וועלכען „מכבי" האט פוריגען שבת בעזיגט מיט 10:0.

נייע לייטונג פון דער סקי-סעקציע ביים „מכבי".

פערג. מאנטאג איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען די יעהרליכע מיטגלידער-פערזאמלונג פון דער סקי-סעקציע, אויף וועלכער ס׳האבען זיך פערזאמעלט אנ׳ערך 60 פערזאן.

נאכ׳ן אויסשעפען דעם טאג-ארדנונג איז אויסגעוועהלט געווארען א נייע פערוואלטונג פון דער סעקציע אין פאלגענדען צוזאמענשטעל: פרעזעס—אינזש. ז. האלפער, ה. יאשינסקא, ר. וויינבערג, ל. פראמער, ה. שאיא, מ. דזאלאשינסקי. — עס ווערט מיטגעטיילט אלע מיטגלידער און סימפאטיקער פון דער סקי-סעקציע, אז ס׳האט זיך אנגעהויבען א צונרייטונגס קורס פאר די פאהרער אונטער דער לייטונג פון בעקאנטען אינסטרוקטאר ה׳ סאכא. די לעקציעס קומען פאר מאנטאג און דאנערשטאג. אינפארמאציעס אין סעקרעטאריאט.

פארבעריי און בעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)

אונטער דער לייטונג פון אנ׳אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין ווארשא מיט לאנג-יעהריגער פראקטיק

ספעציאליטעט:

1) פארבען לויט מוסטערן,
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ׳ן ארט),
3) כעמיש ריינינגען און פאסאנירען קאפעלושן,
4) וואשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
Filja: Warszawska 37.

Kino „LUNA"

הערליכע פרעמיערע פון קונסטווערק

BOUNTY

מיט די וועלט-ליבלינגען:

קלארק גאבל, טשארלז לאוגטאן

איבער׳ן פראגראם: פאט און אקטואליען.

אנהויב 5-30 נאכמיטאג.

ביז פרייטאג 1 מאל טעגליך 3-30 נאכמ.

Dama z Moulin Rouge

אמוזירענדע מיספערשטענד. מיט קאנסטאנץ בענעט.

בילעטען צו: 35 גר. און 54 גר.

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

געלעכטער, טרעהרען און טיעפער אמת קעמפען צווישען זיך

Kochaj i nie placz

אין די הויפט-ראלען:

ראדזשערס און ברענט

הערליכער איבער׳ן פראגראם:

„פאראמונט" און „פ.א.ט."